STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10828

KAMF FARN GEZUNT IN GETO-VILNE

Mark Meir Dvorzetsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„אזע“-פארבאנד.

•

ד״ר מארק דווארזשעצקי

קאמף פארן געזונט אין געטא־ווילנע

פּאַריז — 1946 — זשענעוו

דעם זכרון פון מיין פרוי

מרים דווארזשעצקא־קויפמאן

אַ קראַנקן־שוועסטער אין געטאָ-ווילנע
אומגעקומען
אין קאָנצענטראַציע-לאַגער קלאָאגא, (עסטלאַנד)

Copyright by O.S.E. — Union Paris — Genève 1946

א ווינקל אין ווילנער געטא



יעקב שער

א ווינקל אין געטא-ווילנע No 2

אינהאלט

אריינפיר ווארט פון פראפ. ל. הערש

פארוווארט פון מחבר

I ווי אזוי איז אנטשטאנען געטא־ווילנע — 1

II סאניטאר־היגיענישע לעבנס־באדינגונגען אין געטא — 3

א) גאסן
ב) וווינונגס־שטח
ג) קלאזעטן
ד) מיסטקאסטנס
ה) באהייצונג
ו) באשפייזונג
ז) באקליידונג
ח) וואסער
ט) לייז
י) אלגעמיין בילד
יא) דער סאניטארער מצב פון די מאלינעס
יב) די פסיכיק פון געטא
יג) שטערבלעכקייט, געבורטיקייט, חתונות אין געטא
יד) דאס זקנים פראבלעם אין געטא

III געטא־קראנקייטן — 12

א) מאנגל פון מענסטרואציע ביי פרויען
ב) אורין־שטערונגען
ג) דארם־שטערונגען
ד) געשווילעכצן
ה) סקאביעס (קרעציקייט)
ו) פורונקלען און הויט־אויסשיטונגען
ז) פעדיקולאזיס (פארלייזיקטקייט)
ח) טובערקולאז
ט) אלגעמיינע קערפער־שוואכקייט
י) היגערשע בלינדקייט
יא) פארגרעסערטע שילד־דריזן

IV סאַניטאַר-עפּידעמיאָלאָגישע אָפּטיילונג אין געטאָ — 23

א) „אַכטונג, זויכע" !
ב) סאַניטאַרע ראַיאָן-דאָקטוירים און שוועסטער
ג) סאַניטאַר-עפּידעמיאָלאָגישע „אַפּעלן"
ד) קאַמף קעגן לייז, סאַניטאַרער דורכלאָז־פּונקט
ה) לייז-נעסטן
ו) דער משפּט איבער דער געטאָ-לויז
ז) פּריזיריייען
ח) פּאָפּולערע לעקציעס
ט) אַנטי-סקאַביעס-פּונקט
י) אַנטי-ט.ב.צ.-פּונקט
יא) אַנטי-וואַנצן-בריגאַדע
יב) דעזינפעקציע-קאַמערן
יג) וועשערייען
יד) דאָס אַרויספירן דאָס מיסט
טו) צימער-רוימערינס-בריגאַדע
טז) די הויף-וועכטער אין געטאָ
יז) אימפּונגען קעגן בויך-טיפוס
יח) טשאַינעס
יט) געטאָ-קאַראַנטין
כ) בלומענגערטענדלעך אין געטאָ
כא) סאַניטאַרע פּאָליציי
כב) אָרגאַניזאַציע פון דער ריינקייט-אויפזיכט

V דער קאַמף קעגן הונגער אין געטאָ — 31

א) דאָס אַריינשמוגלען פון שפּייז
ב) דער געזעלשאַפטלעכער הילפס-קאָמיטעט
ג) די סאָציאַלע פאַרזאָרגונג
ד) דער ווינטער-הילף-קאָמיטעט
ה) דיעטעס און באַשפּייזונג פאַר זויגלינגע
ו) רעסטאָראַנען, קאַפעען. בעקערייען

VI דער געטאָ-שפּיטאָל —35

א) פרויען-אָפּטיילונג
ב) פּסיכיאַטרישע אָפּטיילונג
ג) קינדער-אָפּטיילונג
ד) כירורגישע-אָפּטיילונג
ה) אינערלעכע-אָפּטיילונג
ו) דאָקטוירים-פּערסאָנאַל
ו) דער משפּט איבער דער געטאָ-לויז

VII אַמבולאַטאָריע. גיכע הילף — 39

א) אַפּטײלונגען

ב) דאָקטוירים-פּערסאָנאַל

VIII אַנדערע מעדיצינישע פאָרמאַציעס — 42

א) דאָקטוירים אין צווייטן געטאָ

ב) „קאָמאַנדאָ"-דאָקטוירים

ג) דאָקטוירים פון „קוילים"

ד) דאָקטוירים אין לאַגערן הינטער ווילנע

ה) דאָקטאָר פון געטאָ-פּאָליציי

IX מעדיצינישער פּערסאָנאַל — 44

א) דענטיסטן

ב) פעלדשערס

ג) סאַניטארן, סאַניטאַרינס

ד) קראַנקען-שוועסטערס

X רפואות. אַפּטייק — 46

XI געטאָ-מעדיקאַמענטן און פּרעפּאַראַטן — 48

א) וויטאַמינען-לאַבאָראַטאָריע

ב) געטאָ-פאָספאַטין

ג) אַנדערע פּרעפּאַראַטן

ד) „קאַפּטורן"

ה) מעדיצינישע אינסטרומענטן

ו) כעמישע לאַבאָראַטאָריע

XII קינדער-אויפזיכט — 50

א) קינדער-קאָנסולטאַציע

ב) יתומים-אינטערנאַט

ג) טאָג-היים

ד) קינדער-קיך

ה) מילך-פּונקט

ו) מוטער-באַראַטונגס-שטעלע

XIII לער-און פאַך-אַנשטאַלטן פאַר קינדער. „ילדים". „ילדות" — 52

XIV שול-מעדיצינישער צענטער — 54

א) אויפזיכט אויף דער יוגנט — אין שול-עלטער

ב) טעטיקייטס-ציל און סיסטעם

ג) צוגאָב-דערנערונג. מילך. וויטאַמינען-B

ד) קאַמף קעגן לייז. דיפטעריט. סקאַרלאַטין. פלעק-טיפוס. סקאַביעס טובערקולאָז

ה) וואַלד-שפּאַצירן

ו) פאַרטראַגן פאַר קינדער און עלטערן

ז) די פאַרשטעלונג „זיי אַ צוכט !"

ח) אַ קינדער-יום-טוב אין שול-מעדיצינישן צענטער

XV די עפּידעמישע קינדער-סטרומא —59

א) סטאַטיסטיק

ב) די וויסנשאַפטלעכע דיסקוסיע וועגן קינדער-סטרומא

ג) קינדער-סטרומאַ-קאָמיסיע

ד) דער צוריקפאַל פון דער קינדער-סטרומא-עפּידעמיע

XVI ספּאָרט אין ווילנער געטאָ — 62

א) ספּאָרט-קלוב

ב) געטאָ-אָלימפּיאַדע

XVII די יידישע דאָקטוירים אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון געטאָ — 63

א) דר. יעקב וויגאָדסקי

ב) דר. גרשון גרשוני

ג) דעם זכרון פון דר. צמח שאַבאַד

ד) אין געזעלשאַפטלעכן הילפס-קאָמיטעט

ה) אין ליטעראַרישן און וויסנשאַפטלעכן געטאָ-לעבן

ו) אין דער פּאַרטיזאַנען-באַוועגונג

XVIII יידישער דאָקטוירים-פאַריין אין געטאָ — 67

א) טעטיקייט

ב) מעדיצינישע ביכער

ג) קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער מעדיצינישער וועלט

XIX „פאָלקס-געזונט" — 70

XX ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ —72

נ אָ כ וו אָ ר ט — 74

נאָמען-טעכע רשימה פון ווילנער ייד. דאָקטוירים. — 75

אריינפיר = ווארט

מענטשן, וואס האבן דאס ניט ביוגעווינט, קאנען זיך גאר ניט פאר- שטעלן וואס עס איז אזוינס דאס לעבן אין א שטאט, א באלאגערטער פון א שונא, וואס איז גרייט להרוג ולהשמיד.

ירמיהו הנביא אין זיין קלאג-ליד איבערן חורבן, דערמאנט מיט יאמער, ווי אין באלאגערטן ירושלים האבן יידישע מאמעס געקאכט און געגעסן דאס פלייש פון זייערע קינדער.

אזוי איז געווען דאס לעבן אין דער קאמף פארן לעבן אין די געטאס באלאגערטע פון די דייטשן, אין די נאצישע מארד-לאגערן.

מיר, וואס זיינען „ניט געווען אין טרעבלינקע", ווייסן ווייניק וועגן דעם. בלויז שוואכע אפקלאנגען זיינען צו אונז דערגאנגען. צווישן אונז און יענעם טראגיש-פאנטאסטישן לעבן שטייט דער טויט פון די באלאגערטע, דער מאסן-מארד פון די געפאנגענע.

און אט קומט צו אונז איינער פון דארטן, פון יענער וועלט, איינער פון די ניט מיד געווארענע קעמפער פארן לעבן, אין יענעם תהום פון טויט, א קעמפער ניט פאר זיינע אייגענע הויט און ביינער, נאר פאר די הונדערטער און טויזנטער יידישע לעבנס אינם באלאגערטן געטא פון ירושלים דליטא, אין די עסטאנישע און דייטשע קאנצענטראציע-לאגערן: דר' דווארזשעצקי, און ער דערציילט אונז, ווי מען האט דארטן געלעבט און פארן לעבן געקעמפט.

פשוט, טרוקן, פראזאיש זיינען זיינע ווערטער. וואס קאן זיין פראזאישער ווי קארטאפל, ענגשאפט, מיסט, קלאזעטן, לייז, עפידעמיעס א. ד. גל.? וואס קאן אבער זיין רירנדיקער ווי דער נצחון איבער אט די אלע אומצאליקע מכות, ווי דאס אויפבליען פון א פילפארביק גייסטיק לעבן אין די געטא-באדינגונגען, באלאגערט דורך די דייטשן !

איך האב ביז איצט ניט געהאט דעם נחת-רוח פערזענלעך צו קענען דר' דווארזשעצקין. איך ווייס אבער, אז ער איז די גאנצע צייט געשטאנען אין די ערשטע רייען פון די קעמפער פארן לעבן פון יידישע מענטשן אין דער דייטשער געפאנגענשאפט, און אז בלויז אן אויסערסט זעלטענער גליקלעכער גורל האט אים צו אונז געבראכט א לעבעדיקן. מיר האבן אט אזוי כאטש איין דר' דווארזשעצקי ניט פארלוירן. מיר האבן אט אזוי אויך אן עדות, ווי דער געטא האט טאג-טעגלעך געקעמפט, געשאפן, געבויט, גע-שטרעבט און געהאפט.

בילדער:

א ווינקל אין ווילנער געטא

געטא נומער 2

געטא-ווילנע — דיאגראם

מעדיצינישע-סאניט. אנשטאלטן — דיאגראם

דר' יעקב ווינאדסקי; דר' צמח שאבאד

אזוי ווי פאר זיינע חברים, וואס זיינען אומגעקומען אין קאמף, פארבויגן מיר זיך אויך מיט יראת-הכבוד פארן „צוריקגעקומענעם" דר' דווארזשעצקי, אין מיר זאגן אים אונזער הארציקן יישר-כוח פאר זיין בארימט ווערק וויל געטא; דאס, וואס ער דערציילט, גיט אונז צו בטחון, אז אפילו נאכן חורבן וועט אונזער פאלק נישט אונטערגיין. אט די גייסטיקע כוחות, וואס אונזער פאלק האט ארויסגעוויזן אין געטא, געבן אונז דאס רעכט צו גלויבן, אז זיינע קליינע רעשטן וועלן ווייטער לעבן און צוריק אויפבויען אונזער חרוב-געווארענעם נאציאנאלן בנין.

פראפעסאר: ל. הערש.

זשענעווו, פעברואר *1946*.

פאַרוואָרט פֿון מחבר

דאָס לעבן אין געטאָ־ווילנע (ווי אין אַלע געטאָס) איז געווען אַן אומאויפֿהערלעכער געראַנגל פֿאַר עקזיסטענץ ; אַ קייט פֿון אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע ווידערשטאַנדס־אַקטן קעגן נאַציִשן טעראָר־רעזשים, און קעגן זיין כוונה צו פֿאַרטיליקן די יידן פיזיש און צעבּ־עכן זיי מאָראַליש.

אין ווילנע, ירושלים דליטא, וואָס איז געווען במשך פֿון לאַנגע דורות אַ צענטער פֿון יידישן קולטור־לעבן און פֿון פּאָליטיש געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף פֿאַר יידישע רעכט, האָבן די דאָזיקע ווידערשטאַנדס־אַקטן אָנגענומען בולט־קאָלעקטיווע פֿאָרמען.

דורך שאַפֿן אַ נעץ פֿון אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, האָבן די יידן געשטעלט דעם נאַצי־רעזשים אַן אַנטשיידענעם פּאָליטישן ווידערשטאַנד.

אין מוסטערהאַפֿטן אָרגאַניזירטן קאַמף קעגן הונגער האָט זיך אויסגעדריקט דער עקאָנאָמישער ווידערשטאַנד.

אין שאַפֿן אַ נעץ פֿון שולן, קולטור־אינסטיטוציעס ,טעאַטער, פֿאָרטראַגן, איז פֿאַרקערפּערט געוואָרן דער קולטור־ווידערשטאַנד.

דורך שאַפֿן פֿאָרמען פֿון אינעווייניקסטער דיסציפּלין, פֿון קאָלעקטיווער זאָרג פֿאַרן שוואַכערן און אומפֿאַרמעגלעכן, דורך וועקן דעם מוט און דאָס געפֿיל פֿון סאָלידאַרישקייט, דורך וואַרכזאַמער אויפֿזיכט אויפֿן קינד בכלל, אויפֿן פֿאַרוואָרלאָזטן קינד בפֿרט, איז געשטעלט געוואָרן דעם נאַצי־רעזשים אַ ווירקנדיקער מאָראַלישער ווידערשטאַנד. און ענדלעך דורך דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג — דער מוטיקער באַוואָפֿנטער ווידערשטאַנד.

אין דער פֿאָרליגנדיקער קורצער ביאָשור, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ קאַפּיטל פֿונם בוך „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום" איז מיין כוונה געווען צו שילדערן דעם מעדיציניש־סאַניטאַרישן ווידערשטאַנד פֿון געטאָ.

איך וויל שילדערן און פֿאַרצייכענען די סאַניטאַרע לעבנס־באַדינגונגען אין געטאָ, די ספּעציפֿישע קראַנקייטן, וואָס זיינען דאָרט אויפֿגעקומען און ווי אַזוי דער געטאָ־קאָלעקטיוו האָט זיך מיט פֿאַרביסענער עקשנות געראַנגלט פֿאַר זיין געזונט ; איך וויל אויפֿציילן די סאַניטאַרע אַנשטאַלטן, וואָס די יידישע מעדיצינער האָבן מיט גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט אויפֿגעשטעלט אין געטאָ און בכלל שאַפֿן מעגלעכסט אַ בילד פֿון אַלץ דעם, וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין געטאָ־ווילנע אין משך פֿון 1941-1943 אויפֿן סאַניטאַר־היגיענישן געביט טראָץ דעם אומבאַשרייבלעכן נאַצי־טעראָר.

די פֿאָרליגנדיקע אַרבעט איז אַ צושטייער צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער מעדיצין אין געטאָ ווילנע, און אַ פּרוב צו דאָקקומענטירן איר אָרגאַניזירטן קאַמף פֿאַרן אויפֿהאַלטן דאָס געזונט פֿון דעם יידן אין געטאָ.

צוגעגרייט צום דרוק דורך ב. טשובינסקי

I.

ווי אזוי איז אנטשטאנען געטא־ווילנע*)

דעם 24־טן יוני 1941 האָבן די דייטשן אריינגעמארשירט קיין ווילנע. פון דעם טאָג הייבט זיך אָן די טראַגישע עפּאָכע פאַרן ווילנער יידנטום: דאָס אונטערגיין פון גרויסן און וויכטיקן יידישן קולטור־ און געזעלשאַפטלעכן צענטער — י ר ו ש ל י ם ד ל י ט א.

מיטן אריינמארש פון די דייטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן אויף דער יידישער באַפעלקערונג איינע נאָך דער אַנדערער די אונטערדריקנדיקע „מינכענער" פאַראָרדנונגען פון טראָגן געלע לאַטעס, ניט טאָרן גיין אויף די טראָטוארן, קאָנטריבוציעס, קאָנפיסקאַציעס פון פאַרמעגן און קאָסטבאַרקייטן; עס האָבן זיך אָנגעהויבן „פאַרשווינדענישן" פון פערזאָנען און אַזוי גערופענע „אַקציעס", ווען הונדערטער מענטשן פלעגן ארויסגעפירט ווערן צו פאַרניכטונג אויפן ט ו י ט־ פ ע ל ד פ אָ נ א ר (זיבן קילאָמעטער הינטער ווילנע).

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1941 זיינען פּלוצלינג ארומגערינגלט און אָפּגעשלאָסן געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ און מיליטער אַ גאַנצע ריי גאַסן פון יידישן קוואַרטאַל אין ווילנע (ארום דער אַ. ג. „דייטשער גאַס"). טויזנטער און טויזנטער יידן, מענער, פרויען און קינדער, זיינען ארויסגעפירט געוואָרן קיין פּאָנאַר. אויף מאָרגן איז דערשינען אַ מעלדונג פון דער דייטשער מאַכט, אַז צוליב דעם, וואָס אַ דייטשער זעלנער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך יידן, האָט די דייטשע מאַכט דורכגעפירט אויף זיי אַ „שטראַף־אַקציע" . . .

דעם 6־טן סעפּטעמבער פאַרטאָג האָבן טויזנטער דייטשע און ליטווישע זעלנער, אונטער דער אָנפירונג פון דער געשטאַפּאָ, אָנגעהויבן טרייבן די יידן פון גאַנץ ווילנע אין דער ריכטונג פון די גאַסן רודניצקא און סטראשונא, וווּ עס איז פאָרמירט געוואָרן דער ו ו י ל נ ע ר ג ע ט אָ נומער 1, ווי אויך אין דער ריכטונג פון גאון־גאַס, וווּ עס איז אנטשטאַנען ג ע ט אָ נומער 2. באַלד זיינען די געסלעך ממש אָנגעפּראָפּט געוואָרן מיט מענטשן. אַלע איבעריקע, וואָס פאַר זיי איז קיין אָרט נישט געווען אין די סדום־ענגע גרענעצן פון דעם געטאָ נומער 1 און נומער 2, האָט מען אָפּגעשיקט אין דער תפיסה ל ו ק י ש ק י, און פון דאָרט קיין פּ אָ נ א ר.

*) פּרטים וועגן דער געשיכטע פון ווילנער געטאָ, לעבנס־באַדינגונגען, עקאָנאָמיק, קולטור־אַרבעט, ווידערשטאַנדס־באַוועגונג א. אַ. וו. — זע דאָס בוך פון זעלבן מחבר א. נ. „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום".

ווילנער יידנטום האָט געציילט פאַרן אויסברוך פון דייטש־סאָוויעטישן קריג אַן ערך זעכציק־זיבעציק טויזנט נפשות. פון זיי זיינען עטלעכע טויזנט מאַן אוועק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. אין ווילנער געטאָ זיינען אַריין נאָר עטלעכע און דרייסיק טויזנט מאַן. אַלע איבעריקע זיינען פאַרניכטעט געוואָרן אין די ערשטע חדשים פון דער דייטשער אָקופּאַציע.

געטאָ נומער 2 האָט עקזיסטירט נאָר איייניקע וואָכן און איז אויך ליקווידירט געוואָרן, ד. ה. וויינע איינוווינער זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צום פאַרניכטונגס־פעלד פּאָנאַר, לרוב אין טאָג פון יום־כפור 1941. געבליבן איז נאָר געטאָ נומער 1.

קיין גענויע סטאַטיסטיק פון די איינוווינער פון געטאָ נומער 1 איז ניט געווען מעגלעך צו האָבן: דורך אָפטע „אַקציעס" פלעגט די צאָל מענטשן פאַר־קלענערט ווערן מיט אַמאָל אויף עטלעכע טויזנט. מיטן אַריינשיקן אין געטאָ יידן פון פאַרשיידענע פּראָווינץ־שטעטלעך פלעגט די צאָל פאַרגרעסערט ווערן. אַ גאַנצע ריי יידן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין „אַרבעטס־שיינען", האָבן אין די רשימות גאָרניט פיגורירט. די צאָל אַרויסגעגעבענע געטאָ־פּאַספּאָרטן און געטאָ־„בלעכענע נומערן", וואָס יעדער ייד אין געטאָ האָט געמוזט טראָגן אויף דער ברוסט, האָט איבערגעשטיגן עטלעכע און צוואַנציק טויזנט.

II.

סאניטאר-היגיענישע לעבנס-באדינגונגען אין געטא.

א) גאסן.

דער געטא האט זיך געפונען אין די סאמע קלענסטע געסלעך פון ווילנע, דארט, וווּ עס איז געווען א געטא מיט הונדערטער יארן צוריק.

געטא נומער 1 האט ארומגענומען א טייל יודניצקא גאס, שפיטאל גאס, סטראשון גאס, שאוועלסקא גאס, א פאר הויפן פון זאוואלנער גאס, א שטיקל יאטקעווער און דיסנער גאסן.

אין דער צווייטער תקופה פון געטא האט די דייטשע מאכט פארגרעסערט דעם געטא מיט א פאר הויפן דזיסנער, אשמענער, יאטקעווער און דייטשער גאס. די צוגעגעבענע הויפן האט מען אנגערופן מיטן נאמען „דער נייער געטא". אויפן דאזיקן שטח האבן געוווינט אין אנהייב קרוב צו דרייסיק טויזנט מאן, און שפעטער — נאך די אקציעס — עטלעכע און צוואנציק טויזנט מאן.

געטא נומער 2, וואס האט עקזיסטירט נאר איייניקע וואכן, האט ארומגענומען: די יידישע גאס, די גאון גאס און נאך א פאר קלייניקע געסלעך ארום שול-הויף, מיט א באפעלקערונג פון אן ערך זעקס טויזנט מאן.

ב) וווינונגס-שטח.

אין א קליין צימערל, וווּ פארן קריג האבן געוווינט פון 1 ביז 3 פערזאן, האבן אין געטא געוווינט פון פופצן ביז צוואנציק פערזאן. זייער זעלטן פלעגט אויספאלן אויף א מענטשן 1 קוואדראט-מעטער-שטח — 0,7—0,8 קוואדר.-מעטער אויף א פערזאן; אין איין צימערל האבן אלזא געוווינט פון פינף ביז אכט משפחות: פרויען, מענער, אלטע און קינדער, קראנקע און געזונטע צוזאמען.

נאך די גרויסע אקציעס איז גערוימער געווארן אין געטא און ס'האט אויסגעמאכט קרוב צו צוויי קוואדראט-מעטער אויף איין פערזאן.

בעטן זיינען אין געטא געווען נאר אין א קליינער צאל: איבערגעבליבענע נאך פון די ארויסגעפירטע קיין פאנאר. אויך זיי האט מען ניט געדארפט האבן, ווייל זיי האבן פארנומען צופיל פלאץ. די געטא-באפעלקערונג איז געשלאפן אויף דער ערד, צונויפגעשטופט איינער אויפן אנדערן אין די צימערן, קיכן, פאדער-צימערן און קארידארן. אויף די טישן איז מען בייינאכט געשלאפן און בייטאג געגעסן דאס ארעמע ברויט.

שפּעטער האָט מען איינגעפירט הילצערנע „פּריטשעין" — נ אַ ר ע ס — אַפּט צו אייניקע עטאַזשן אין איין קליין צימער. אויף אַ פּריטשע פלעגט געווייגלער שלאָפן אַ גאַנצע פאַמיליע: מאַן, פרוי און קינדער.

די לופט אין די צימערן איז געווען דערדריקנדיק. מענטשן פלעגן אָפט ניט קאָנען שלאָפן צוליבן לופט־מאַנגל.

ג) קלאָזעטן.

אין אַלטן ווילנער קוואַרטאַל, וווּ עס האָט זיך געפונען דער געטאָ, זיינען ניט געווען קיין שטוב־קלאָזעטן אויך פאַרן קריג, נאָר הויף־קלאָזעטן. יעדער הויף האָט באַזיצט אַ קלאָזעט מיט אַ 2־3־4 סעדעסן, וואָס זיינען דעמאָלט געווען גענוג פאַר זיין צאָל איינוווינער.

אין געטאָ אָבער האָבן געוווינט פון 3 ביז 4 הונדערט פּערזאָן אין אַ הויף, אין וועלכן עס האָבן פריער געלעבט פון 30 ביז 40 פּערזאָן. די צאָל סעדעסן זיינען פאַרשטייט זיך, ניט געווען גענוג. פלעגן ביי די קלאָזעטן שטיין לאַנגע, לאַנגע שורות פון וואַרטנדיקע אויף זייער ריי. דאָס דערליידיקן פון די פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן פלעגט מוזן פאָרקומען זייער זייער שנעל, ווייל מען האָט געוואַרט . . .

די קאַנאַליזאַציע איז גיך פאַרניכטעט געוואָרן. דאָס וואַסער פלעגט ניט אַראָפּגעלאָזט ווערן. די קלאָזעטן פאַרשטאָפּט. אין אָוונט איז אין די קלאָזעטן געווען פינסטער, פלעגן די מענטשן אָפּטאָן זייערע באַדערפענישן אויף דער ערד, אין די הויפן. אין משך פון עטלעכע וואָכן זיינען די קלאָזעטן געוואָרן נעסטן פון אויסערגעוויינלעכן שמוץ און פּאָטענציעלע קוואַלן פון צוקונפטיקע עפּידעמיעס.

ד) מיסטקאַסטנס.

אין יעדן הויף האָט זיך געפונען פאַרן קריג אין געטאָ־ראַיאָן אַ מיסטקאַסטן, וווּ דער עולם פלעגט וואַרפן דאָס מיסט, וואָס פלעגט שפּעטער אַרויסגעפירט ווערן אויסער דער שטאָט. צוליבן מאַנגל אין ברויט און אַנדערע דערנערונגס־פּראָדוקטן, האָט זיך אָנגעהויבן אין געטאָ אַן אויסערגעוויינלעכער פאַרברויך פון קאַרטאָפל. דאָס מיסט, צענפאַכיק מערער ווי פריער, (צוליב דער צענפאַכיק גרעסערער באַפעלקערונג פון יעדן הויף) און די אומנאָרמאַלע גרויסע צאָל פון קאַרטאָפל שאָלעכץ, האָבן שוין אין די ערשטע טעג פון געטאָ איבערגעפילט די מיסט־קאַסטנס, באַדעקט די קליינע הויף־שטחים און אָנגעהויבן וואַקסן אין פאָרם פון בערג, וועלכע האָבן פאַרדעקט די שיין פון די אונטערשטע עטאַזשן. מיטן אָנקומען פון די ערשטע פרעסט איז דאָס אַלץ צוגעפרוירן געוואָרן.

בערג פון מיסט, צוזאַמענגעמישט מיט קאַרטאָפל־אָפּפאַל, מענטשן־קאַל און אורין, — דאָס איז געווען דאָס כאַראַקטעריסטישע בילד פון יעדן הויף אין ווילנער געטאָ.

ה) באהייצונג.

אין געטא־ראיאן איז קיין צענטראל־באהייצונג, פארשטייט זיך, ניט געווען. די ווילנער יידישע באפעלקערונג פלעגט געוויינלעך הארבסטצייט (סוכות) איינ־קויפן האלץ און קוילן אויף ווינטער. אין געטא אבער זיינען די יידן אריין ענדע זומער, ביי גרויסע היץ־טעג, און דעריבער כמעט גאר קיין באהייצונגס־מאטעריאל דארט ניט געפונען.

אריינצופירן האלץ און קוילן איז געווען אויסערסט שווער, פארבונדן מיט קא־לאסאלע הוצאות און ספעציעלע דערלויבענישן פון דער דייטשער מאכט. די יידן וואס האבן געארבעט אויסערן געטא, פלעגן מיט זיך מיטברענגען אויף זייערע פליי־צעס פון די ארבעטס־קאמאנדאס שטיקלעך האלץ, בכדי צו באהייצן די דירות אדער אנווארעמען א גלאז וואסער. דאס מיטגעבראכטע האלץ פלעגט אפט רעקווי־זירט ווערן ביים געטא־טויער און דער אריינברענגער פלעגט קריגן שמיץ. א סך מענטשן האבן געארבעט אויף פונקטן, ווו עס איז בכלל ניט געווען קיין שום מעג־לעכקייט צו "ארגאניזירן" האלץ. אין רעזולטאט דערפון זיינען א סך הייזער אין משך פון ערשטן ווינטער אין געטא נ י ט באהייצט געווארן בכלל, און די מ ע ר־ה י י ט הייזער זיינען נאר אנגעוואַרעמט געווארן פון צייט צו צייט, ביים אויסניצן א צעקלאפט שטיקל האלץ אונטער א דרייפוס אדער א פליטקע, בכדי אפציקאכן א ווארעם געקעכץ פון קארטאפל פאר דעם צוריקקומענדיקן פון קאמאנדא.

אינזשיניער מ א ר ק ו ס פון לאדזש, דער לייטער פון די טעכנישע וואר־שטאטן אין ווילנער געטא, האט קאנסטרואירט א ספעציעלן טיפ פון קליינינקע בלעכענע אויוועלעך אויף פיסלעך, וועלכע זיינען געווען זייער שפארזאם : מען האט זיי געקאנט הייצן מיט שטיקלעך האלץ, קארע, שפענדלעך, פאלאווינעס. די אויוועלעך האט מען אנגערופן „מארקוסוווקעס". מען פלעגט זיי אויפשטעלן פון שטיקלעך בלעך פון אראפגעריסענע דעכער. מען פלעגט עס קאנען קויפן פאר 50 רובל אין די געטא־ווארשטאטן. זיי פלעגן, פארשטייט זיך, געבן ווייניק ווארעמ־קייט, אבער אויף זיי פלעגט מען קאנען גיך אפקאכן וואסער אדער א קארטאפל־זופ. פאר דער „דערפינדונג" איז דער אינזשענער מארקוס פרעמירט געווארן דורכן יידן־ראט. באנוצן עלעקטרישע מאשינקעס איז געווען אין געטא שטרענג פאר־באטן, אונטער דער דראונג פון תפיסה. א געפונענע עלעקטרישע מאשינקע פלעגט קאנפיסקירט ווערן.

פ יי כ ק יי ט א ו ן ש י מ ל האבן גיך באדעקט די ווענט. שפעטער איז געקומען די פלאג פון וו א נ צ ן, וועלכע האבן אין די טויזנטער מארשירט אויף די ווענט, סופיטן, אויף די נארעס און צווישן דעם ארעמען בעטגעוואנט.

ו) באשפייזונג.

די דייטשע מאכט האט צוגעטיילט פארן געטא א באשפייזונג פון אן ערך 50 גראם ברויט פאר א מענטשן (1.600 קילא ברויט א טאג, ווען דער געטא האט גע־ציילט אן ערך 29 טויזנט פערזאן !). ביים יידן־ראט האט זיך געשאפן א בא־

שפּייזונגס־אָפּטיילונג, וועלכע פלעגט אויסטיילן אויף קאַרטן די צוגעטיילטע ראַ־ציעס ברויט און פלעגט זיך אויך קליגן אַריינצוברענגען אין געטאָ אַ ביסל גרויפּן, פערדן־פלייש, גרינס און קאַרטאָפל. אין יאַנואַר 1942, ווען אין געטאָ זיינען געווען אַרום 18 טויזנט מענטשן, און „געלע לעבנס־שיינען" האָבן געהאַט נאָר 12 טויזנט יידן, האָט די דייטשע מאַכט אויסגעטיילט שפּייז נאָר פאַר די מענטשן, וואָס האָבן „לעבנס־שיינען". זיינען די 6 טויזנט שיין־לאָזע „ווייסע שיינען" — געבליבן לגמרי אָן באַשפּייזונג. די, וואָס האָבן געאַרבעט אין איינהייטן אויסערן געטאָ, האָבן דאָרט געקאָנט אויף פאַרשיידענע אופנים קויפן עטוואָס צום עסן. די „ווייסע שיינען" אָבער זיינען געבליבן הן אָן רעכט צום לעבן, והן אָן מעגלעכקייט צו לעבן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָשמאַר פון הונגער.

דער געטאָ האָט דאָן אָנגעהויבן אין פאַרשיידענע אינדיווידועלע און אָרגאַניזירטע פאָרמען דעם געראַנגל קעגן הונגער.

ז) באַקליידונג.

אין געטאָ זיינען אַריין די יידן ביי די גרויסע זומערדיקע היצן, מיטנעמענדיק אויף די פּלייצעס אַלץ, וואָס יעדער האָט נאָר געקאָנט שלעפּן: אַ מאַנטל, אַ ביסל וועש, אַ קישן, אַ ביסל עסנוואַרג. מיט דער צייט האָבן די בגדים זיך אָפּגעטראָגן, צעפאַלן און צעריסן. אַרומגעגאַרטלט מיט שטריק, אין די מלבושים מיט לאַטעס אויף לאַטעס, פלעגן זיך די מענער צוריקקערן פון דער אַרבעט. די פרויען האָבן באַוויזן אַריינצוברענגען אַ געוויסע „עלעגאַנץ", האַרמאָניע און סיסטעם אין דער „געלאַטעטקייט", אַריינפירנדיק אַ „געטאָ־מאָדע" פון קליידער, מאַנטלען, געשטריקטע יאַקלען, וועלכע באַשטייען פון סימעטרישע שוואַרצע, בלויע, רויטע, גרויע שטיקלעך פון אַלטע בגדים, צענויפגעשטעלטע פון פירקאַנטן, דרייעקן (און ביי גאָר עלעגאַנטע אין רעדלעך און קרייזן).

באַדייטנדיק שווערער איז געווען מיט דער שיך־פראַגע: פון טאָג־טעגלעכן גיין אויף דער אַרבעט האָבן זיך די שיך גיך צעריסן. דאָן איז אַריינגעפירט געוואָרן אין געטאָ די מאָדע פון טראָגן הילצערנע שיך און „קלומפּעס".

ח) וואַסער.

אָפּגעריסן פון שטאָדט, זיינען גיך אין געטאָ צעבראָכן געוואָרן אין אַ סך הייזער די קאַנאַליזאַציע־רערן. מיטן אָנקומען פון ווינטער האָבן אין אַ סך ניט געהייצטע בנינים געפּלאַצט די רערן, און עס האָט אויסגעפעלט וואַסער אין געטאָ צום טרינקען, קאָכן און אודאי שוין צום וואַשן וועש.

ביים מאַנגל אין וואַסער, האָלץ און פּלאַץ איז דאָס וואַשן וועש געווען אַ קאָלאָסאַל שווער פּראָבלעם אין געטאָ. אויך קיין זייף איז כמעט ניט געווען בנמצא. פון שמוץ זיינען גיך אַנטשטאַנען ביי די געטאָ־איינוווינער פורונקלען, הויט־אויסשיטונגען, פּיאָדערמען.

ט) לייז.

אין די באַדינגונגען פון ענגשאַפט און שמוץ האָבן זיך באַוויזן לייז. זייער צאָל איז געוואַקסן. אין די ערשטע חדשים פון געטאָ זיינען לייז כמעט אויף יעדן איינעם געקראָכן. שפּעטער זיינען אַ סך מענטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נעסטן פון הונדערטער און טויזנטער לייז (זע ווייטערדיקע קאַפּיטלען).

י) אַלגעמיין בילד.

הונגער, קעלט, ענגשאַפט, שמוץ, בערג פון מיסט, קאַל, קאַרטאָפל־שאָלעכץ און אורין, פאַרשמוציקטע און פאַרשטאָפּטע קלאָזעטן, מאַנגל אין באַהייצונג און וואַסער, מאַנגל אין באַקליידונג און באַשוכונג, פייכטקייט און שימל אין די געטאָ־צימערן, וואַנצן און לייז, — דאָס זיינען געווען די סאַניטאַר־היגיענישע לעבנס־באַדינגונגען אין ווילנער געטאָ.

ביי די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן די יידישע מעדיצינער אין געטאָ אָנגעהויבן זייער טעטיקייט און קאַמף פאַרן געזונט פון די געטאָ־יידן, אין טאָג־טעגלעך שפּאַנענדיקער דערוואַרטונג פון אַלגעמיינער אויסמאָרדונג, אָבער אין שטילן גלויבן אין גיכן נצחון פון די אַליאירטע און ביי דער אינערלעכער איבערצייגונג, אַז פאַרהיטן דעם געטאָ פון עפּידעמיעס הייסט פאַרהיטן אים פון אַ פּריצייטיקער מאַסן־אויסמאָרדונג, און אַז דער קאַמף פאַר דער געזונטהייט פון געטאָ, גיט די יידן אין אַ געוויסער מאָס די מעגלעכקייט צו לעבן, איבערלעבן און דערלעבן בעסערע ציטן.

יא) דער סאַניטאַרער מצב פון די „מאַלינעס".

אין געטאָ האָט מען שטענדיק געלעבט אין שרעק פאַר „אַקציעס" און אַרויספירונגען. האָט מען אויף בוידימער, קעלערס און זייטיקע פאַרשטעלטע צימערן געבויט „באַהעלטנישן" (מאַלינעס — אָדער בונקערס). דאָס וואָרט „מאַלינע" שטאַמט פון העבראיִשן וואָרט „מלינה" — אַן איבערנעכטיקונגס־אָרט. עס זיינען געווען קליינע מאַלינעס, וווּ עס פלעגן אַריינגיין נאָר עטלעכע מענטשן, גרעסערע — וווּ עס פלעגן אַריינגיין אייניקע משפּחות, און גאָר גרויסע, וווּ עס פלעגן זיך קאָנען אויסבאַהאַלטן עטלעכע הונדערט מאַן. אַריינגיין אין די מאַלינעס פלעגט מען דורך געהיימע טרעפּ, עפענונגען אין ווענט, דורך אויוונס און קלאָזעטן, דורך אַריינגאַנגען אין ברונימס.

אין די מאַלינעס פלעגט מען זיך אויסבאַהאַלטן ביי יעדער פּאַניק אין געטאָ. מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין „לעבנס־שיינען", פלעגן אָפט זיך אויסבאַהאַלטן וואָכן און חדשים אין די מאַלינעס. עס זיינען געווען פאַלן, ווען צוליב מאַנגל אין לופט, פלעגט אַ מאַלינע דורכפאַלן, ווייל אירע איינוווינער פלעגן זי מוזן עפענען, בכדי עס זאָל אין איר אַריינגיין אַ ביסל לופט. דאַן פלעגט די מאַלינע אָפט אַנטדעקט ווערן דורך די לויערנדיקע דייטשן.

עס האָט געטראָפן אין די מאַלינעס פאַלן פון מ א ס ן - פ ס י כ א ז ן , ווען מענטשן פלעגן אַנפאַלן איינע אויף די אַנדערע און עס האָבן אויך פּאַסירט פאַלן, ווען מאַמעס פלעגן דערשטיקן וויינענדיקע קינדער, וואָס האָבן געקאָנט מיט זייער געוויין אויסגעבן די איינוווינער פון דער מאַלינע און ברענגען צום טויט צענדליקער מענטשן. שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צוצושרייבן ניט איינ־מאָל שלאָפמיטלען פאַר קינדער. די עלטערן פלעגן עס האַלטן ביי זיך אין רעזערוו, און געבן דעם קינד, פאַרן ארייננגיין בשעת אַ "פּאַניק" אין דער מאַלינע, כּדי עס דאָן צו פאַרשלעפערן.

מיט דער צייט האָט זיך אַנטוויקלט אַ „סאַניטאַריע" פון די מאַלינעס. מען האָט זיך געקליגט צו באַזאָרגן די מאַלינעס מיט לויפנדיקן וואַסער, מיט קלאָזעטן־עמערס און מיט וואַסער־קלאָזעטן, מיט עלעקטרישע מאַשינקעס אויף צו קאָנען אויפקאָכן וואַסער, מיט אַפּטייקלעך, באַזאָרגט מיט וואַטע, יאָד, אַספּירין, באַנ־דאַזשן, וואַלעריאַן וכדומה. מיט רעזערוו־נאַרעס בענק און שטולן, ווי אויך מיט עפענונגען צו קוימענס, דורך וועלכע עס זאָל קאָנען ארייננגיין לופט צו דער מאַלינע.

נאָך דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ איז אויסגעקומען מענטשן אָפּצו־זיצן אין די מאַלינעס לאַנגע מאָנאַטן.

עס פלעגט אויך פּאַסירן, אַז אַ מאַלינע איז דורכגעפאַלן צוליב אַ טויט־פאַל, ווען מען פלעגט מוזן עפענען דעם אַרויסגאַנג, בכדי מקבר צו זיין דעם בר־מינן, וואָס איז שוין געווען אין אַ צושטאַנד פון פונאַנדערלייגן זיך.

אַ סך יידן האָבן זיך געראַטעוועט אין דער קאַנאַליזאַציע־נעץ פון ווילנער שטאָט. דאָרטן זיינען זיי אָפּגעלעגן מאָנאַטן. דער ערגסטער מאָמענט איז פאַר זיי געווען, דאָס אָנקומען פון אַ הויכן וואַסער־שטראָם אין די קאַנאַליזאַציע־רערן : דאַן פלעגן זיי דורכגענעצט ווערן ביזן קאָפּ, זיי פלעגן זיך אָפּט מוזן האַלטן ביי די הענט, כדי דער וואַסער־שטראָם זאָל זיי ניט פאַרטראָגן. אין בלאָק „ה. ק. פּ." האָבן 80 קינדער אַ לענגערע צייט אויסבאַהאַלטן זיך אין אַ זייטיקן צימער, וועלכער איז געווען "פאַרמאַלינעוועט" און איז געווען אָפּגעטיילט פון אַנדערע באַוווינטע שטאָקן דורך אַ בלעכענעם אויוון. דער אויוון פלעגט אַ גאַנצן טאָג געהייצט ווערן, בכדי מען זאָל ניט דערקענען, אַז הינטער אים באַ־האַלטן זיך אוים יידישע קינדער.

אינזשענער מארקוס האָט מיר באַוויזן אַ מאַלינע אויפן בוידעם פון געוועזע־נעם ווילנער קליינעם שטאָט־זאַל, וואו עס האָבן זיך געראַטעוועט אַ גאַנצע ריי יידן, אויסבאַהאַלטנדיק זיך במשך פון אייניקע טעג, ליגנדיק דאָרט נאָר אויפן בויך : קיין אַנדערע פּאָזיציע האָבן זיי נישט געקאָנט אָנעמען.

יב) די פּסיכיק פון געטאָ.

דער רוף פון די מעדיצינער צום קאַמף פאַר'ן געזונט, צוגלייך מיטן רוף פון

אַלע געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין געטאָ, ניט אַריינצופאַלן אין יאוש, האָבן גע־האַט זייער טיפסטן אָפקלאַנג ביי דער געטאָ־באַפעלקערונג. די טראַגישע איבער־לעבונגען פון שטענדיק דערוואַרטן דעם טויט, האָבן דאָך ניט געבראָכן דעם מוט און די מאָראַל פון די געטאָ־יידן. טראָץ די שוואַרצסטע פּערספּעקטיוון זיינען די מענטשן ניט אַריינגעפאַלן אין רעזיגנאַציע און פּעסימיזם. מען האָט זיך דער־מוטיקט מיט אָפּטימיסטישע ידיעות, קלאַנגען און גלויבן אין גיכן סוף. עס זיינען אַנטשטאַנען נייע קוואַלן פון גייסטיקע און פיזישע ווידערשטאַנדס־פעאיקייטן. דער פאַרלאַנג צום לעבן האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע און איז געווען אַ מעכטיקער אימפּולס דורכצוטראָגן די שווערע קנעכטישע איבערלעבונגען.

זעלבסטמאָרד איז אין געטאָ געווען אַן אויסערסט זעלטענע דער־שיינונג.

מען האָט איבערגעלעבט זאַכן, פון וועלכע מען קאָן אַראָפּגיין פון זינען, און אויף עטלעכע און צוואַנציק טויזנט איינוואוינער פון געטאָ זיינען פאַרנאָטירט געוואָרן נאָר אייניקע פאַלן פון משוגע־ווערן.

אין דעם בית־עולם־לעבן פון געטאָ זיינען, ווי אַ רעטעניש פאַר מענטשן, וואָס האָבן דאָס ניט איבערגעלעבט, געבויט געוואָרן שולן און קינדער־גערטנער, גימנאַזיאַלע און טעכנישע קורסן, יידישער און העברעאי־שער טעאַטער, יידישע און העבראַאישע כאָרן, קאָנצערטן, אַקאַדעמיעס, רעפע־ראַטן, פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, ליטעראַטן־פאַריין, יוגנט־באַוועגונג, ספּאָרט־פאַר־וועטונגען, סדרים, חנוכה־און פורים־אָוונטן און אַ געהיימע, אונטערערדישע פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג.

יג) שטערבלעכקייט, געבורטיקייט און חתונות אין געטאָ.

די „נאַטירלעכע“ שטערבלעכקייט אין געטאָ, מיט אַ באַפעלקערונג פון קרוב צו 20 טויזנט מאַן, איז געווען בערך 4־5 פאַלן אַ טאָג. אין דער יידישער פאַר־מלחמהדיקער ווילנע, וואָס האָט געציילט קרוב צו 70 טויזנט מאַן, איז די שטערב־לעכקייט געווען פון אַן ערך 3־4 מאַן אַ טאָג. (די שטערבלעכקייט אין געטאָ איז אין דער ווירקלעכקייט געווען, פּראָפּאָרציאָנעל צו אַמאָל, באַדייטנדיק שטאַר־קער, ווייל אין געטאָ איז דאָך געווען גאָר קליין די צאָל פון די זקנים, וועלכע האָבן געוויינלעך געליפערט פריער די מערהייט פון טויט־פאַלן).

די מתים פלעגן אַרויסגעפירט ווערן פון געטאָ צום ייד. בית־עולם הינטער דער שטאָט. לוויות פלעגן פאָרקומען נאָר ביזן טויער פון געטאָ, און ווייטער פלעגט שוין די עגלה פאָרן אַליין מיט אַ פּאָר מענטשן פון בית־עולם־אָפּטיילונג, וועלכע האָבן געהאַט דערצו אַ ספּעציעלע דערלויבניש. געוויינלעך פלעגן פאָרקומען „שות־פותדיקע“ לוויות, ווייל אויף איין עגלה פלעגט מען פירן מיט אַמאָל עטלעכע מתים.

די געבורטיקייט איז געווען גאָר קליין, צוליבן פאַרבאָט, אונטער דער דראָונג פון טויט־שטראָף, צו געבוירן קינדער. עס האָבן מיט לעבנס־ריזיקע

אויסגעטראָגן די שוואַנגערשאַפט די פרויען, וועלכע זיינען געווען אין די הויכע מאָנאַטן. נייע געבוירטן פון פאַרשוואַנגערטע אין געטאָ גופא זיינען געווען זייער זעלטן.

אין געטאָ איז געווען אַ מוהל פעקלער, פלעגט ער דורכפירן ברית'ן. אַ טייל עלטערן האָבן אָפּגעלעגט דעם ברית ביז נאָכן געטאָ, אפשר וועלן זיי קאָנען אויסבאַהאַלטן זייער קינד אַלס אַריער . . .

ח ת ו נ ו ת אין געטאָ זיינען געווען אָפטע. אין געטאָ זיינען געווען אַ סך פרויען ,ביי וועלכע מען האָט צוגענומען די מענער צום טויט ; און מענער, ביי וועמען מען האָט צוגענומען די פרויען. יעדער, וואָס האָט געהאַט אַ לעבנס־שיין, האָט געמעגט האָבן אַ פרוי, וועלכע האָט געהאַט רעכט אויף לעבן אַ דאַנק דעם שיין ; און פאַרקערט, דער מאַן האָט געהאַט לעבנס־רעכט אַ דאַנק דעם שיין פון זיין פרוי. האָבן מענער און פרויען זיך פאַרשריבן אַלס „עהעפּאָר" און געמוזט וווי־נען אין זעלבן צימער, בכדי ביי אַ רעוויזיע זאָל זיך ניט אַרויסווייזן די פיקציע. די בחורים האָבן צוגעשריבן די יונגע מיידלעך אַלס פרויען (ביז 16 יאָר האָט מען געהאַט לעבנס רעכט אויפן שיין פון די עלטערן — איבער 16 יאָר האָט מען גע־דאַרפט האָבן אַ זעלבסטשטענדיקן שיין). מיט דער צייט זיינען אַנטשטאַנען פון די פיקטיווע פאָרן אמתע זיווגים, טרייע אויף טויט און אויף לעבן. די אָפיציעלע פיקטיווע חתונות פלעגט מען דורכפירן אין „מעלדונגס־אַמט" פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי.

די רעליגיעזע קרייזן האָבן לכתחילה ניט געוואָלט געבן חופה וקדושין פאַר די יונגע לייט, וועלכע האָבן זיך צו זיי געווענדעט. עס איז דאָך ניט געווען מעג־לעך אין געטאָ־כאַאָס צו וויסן צווישן די מענער, ווער איז אַ בחור, געגטער אָדער אַלמן, — און דאָס זעלבע מיט די פרויען. היינט, פון וואַנען ווייסט מען, אַז די אַרויסגעפירטע אויף פאַנאַר וועלן שוין מער ניט צוריקקומען ? עס איז דאָך ניטאָ קיין עדות פון זייער טויט? ! . . . די גאָר רעליגיעזע האָבן נאָך דערצו געטענהט, אַז עס זיינען ניטאָ אין געטאָ קיין מקווהס, איז דאָך פאָרויסצוזען, אַז די פרוי וועט ניט קאָנען אָנהאַלטן דעם רעליגיעזן ריטואַל פון פאַמיליען־לעבן.

דאָס לעבן האָט געגעבן די פשרה, אַז מענער און פרויען וועגן וועלכע מען האָט געוווּסט, אַז זיי האָבן נאָך קיינמאָל ניט חתונה־געהאַט, אָדער וואָס זייער יו־ידישע לאַגע איז געווען קלאָר, פלעגן דאָך באַקומען חופה וקדושין ; די איבע־ריקע ניי־אַנטשטאַנענע פאָרן, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די קאַטעגאָריע פון „געטאָ־מאַן" און „געטאָ־ווייב", ד. ה. פאָרן, נאָך ניט אָפיציעל רעליגיעז פאַר־הייראַטעט, אָבער וועלכע דעקלארירן זיך אומעטום, צווישן זייערע שכנים אַלס מאַן און פרוי און האָפן עס צו בלייבן אויך נאָכן געטאָ, אויב זיי וועלן איבער־לעבן . . .

און די דריטע קאַטעגאָריע איז באַשטאַנען פון די א. ג. „צוגעשריבענע" מאַן־און־פרוי, ד. ה. לגמרי פיקטיווע פאָרן (ווי מען האָט זיי גערופן אין געטאָ — „אַ פּאַפּירענער מאַן" און „אַ פּאַפּירענע פרוי").

יד) דאָס זקנים-פּראָבלעם אין געטאָ.

זייער טראַגיש איז געווען דאָס פּראָבלעם פון די זקנים אין געטאָ. זיי זיינען ניט געווען פעאיק צו אַרבעטן, — האָבן זיי קיין ארבעטס-און לעבנס-שיינען נ י ט געקראָגן. פלעגן זיי זיין די ערשטע אַ־ויסגעפירט צו ווערן אויף פּאָנאַר ביי אַלע „אַקציעס". דאָך האָבן אַנדערע זקנים אַזוי קונציק זיך אויסבאַהאַלטן אין די מאַלינעס, אַז ביזן לעצטן טאָג פון געטאָ פלעגט מען מיטאַמאָל דערזען אַן אַל־טיטשקן אָדער אַ באָבעשע, שפּאַצירנדיק איבערן געטאָ מיט אַ סידור אין דער האַנט.

פּאַר אָפּגעשוואַכטע זקנים איז געשאַפן געוואָרן אין געטאָ אַ מושב־זקנים. זיינען אַלע איינוואוינער פון מושב־זקנים צוגענומען געוואָרן דורך די דייטשן אין הארבסט 1941.

שפּעטער, אין יאָר 1943, זומער, האָבן די דייטשן צונויפגעזאַמלט אַלע זקנים פון געטאָ אויף פּאָספּעשקי, אין בנין פון דער געוו. קינדער־קאָלאָניע פון „אָזע", אויפן נאָמען פון ד"ר צמח שאבאד. דאָרט האָט מען געהאַלטן די אַלטע אַ געוויסע צייט אויף גוטער דערנערונג, געגעבן זיי ווייסע קאווע, טרוסקאַוועס, ווייס ברויט, גערופן אויסלענדישע געסט, פאָטאָגראַפירט, און גלייך נאָכדעם — אַרויס־געפירט צום טויט.

III.

געטאָ־קראַנקייטן

אין געטאָ האָבן זיך באַוויזן אַ גאַנצע ריי פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען, וואָס האָבן זיך מאַניפעסטירט אַלס ספּעציפישע פאַר די לעבנס־באַדינגונגען אין געטאָ. די אָפּטערע און כאַראַקטעריסטישערע פון זיי וויל איך דאָ דערמאָנען און איך וועל גלייכצייטיק דורכפירן אַ פּאַראַלעל מיט די זעלבע קראַנקייטס־דערשיינונגען, וואָס איך האָב אָבסערווירט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין עסטלאַנד און דייטשלאַנד.

א) מאַנגל אין מענסטרואַציע ביי פרויען.

גלייך מיטן אריינגיין אין געטאָ האָבן די פרויען אָנגעהויבן צו מעלדן זיך אין אַמבולאַטאָריע צוליבן פאַרשווינדן פון דער מענסטרואַציע. אין דער ערשטער תקופה פון געטאָ האָבן, לויט דער שאַצונג פון די דאָקטוירים, אַן ערך 75 פּראָצ. פרויען פון געטאָ פאַרלוירן דעם פּעריאָד. די דערשיינונג האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע באַאומרויקונג ביי די פרויען און גרויסע דיסקוסיעס ביי די דאָקטוירים. מען האָט דאָס געוואָלט דערקלערן מיט די פּסיכישע איבערלעבונגען, מיט ענדאָקרינאָלאָגישע שינויים פון דער האָרמאָנען־סעקרעציע, מיט וויטאַמינען־מאַנגל. עס זיינען געווען מיינונגען, אַז די שינויים זיינען סטאַבילע, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס זיינען פאַראיבערגייענדיקע דערשיינונגען.

מיטן פאַרבעסערן זיך פון דער דערנערונג אין געטאָ און מיטן אויפהערן, אויף אַ געוויסער צייט פון די אַרויספירונגען צום טויט, האָבן די פרויען ווידער באַקומען זייער מענסטרואַציע. אַ טייל האָט זי באַקומען אין אירעגולערע צייטן און אין ניט גענוגענע מאָסן (דיסמענאָרעאַ Dysmenorrhoea) און ביי אַ טייל די גאַנצע צייט פון געטאָ מער זיך ניט באַוויזן (אַמענאָרעאַ Amenorrhoea).

פון שמועסן מיט מעדיצינער פון אַנדערע געטאָס האָב איך זיך דערקונדיקט, אַז מאַסן־דערשיינונגען פון אַמענאָרעאַ און דיסמענאָרעאָ זיינען נאָטירט געוואָרן אין וואַרשע און קאָוונע. אין קאָוונער געטאָ, ווו עס איז אַ לענגערע צייט געווען רואיק, און אַ נאָרמאַלע דערנערונג, האָט, לויט די דערציילער, די מענסטרואַציע ביי דעם מערסטן טייל פרויען זיך ווידער באַוויזן. די ניט־מענסטרואירנדיקע יונגע פרויען האָט מען אין געטאָ געקאָנט לייכט דערקענען, לויט זייער אָנגעגאָסענעם, אומנאָרמאַל־דיקן אויסזען און מגושמדיקע שטריכן פון פּנים.*)

---

*) דר. פינגערהוט, (באַקאַנטער גינעקאָלאָג פון וואַרשע) האָט פּרובירט אין ווילנער געטאָ, איינצושפּריצן די פרויען, וועלכע האָבן פאַרלאָרן די מענסטרואַציע, אינטראַ־

די פאַקטן פון אַמענאָרעאַ און דיסמענאָרעאַ האָב איך שפּעטער אָבסערווירט אין די יידישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן וואַי־וואַראַ, קורעמע, גאָלדפילץ און לאַגעדי (אין עסטלאַנד), און עס האָבן מיר וועגן דעם אויך איבערגעגעבן מעדיצינער, צוריקגעקומענע פון אוישוויץ און דאַכאַו.

ב) אורין־שטערונגען.

ביי די עלטערע מענער האָט זיך באַוויזן אין געטאָ אין אַ גרויסער צאָל אַ פאַ־גרעסערונג פון דער פּראָסטאַטאַ־דריז (היפּערטראָפיאַ פּראָסטאַטע) Hypertrophia gl. Prostatae ווי אויך טיילווייזע און קאָמפּלעטע פאַרהאַלטונג פון אורין רעטענציאָ אורינע פּאַרטיאַליס עט קאָמפּלעטאַ — (Retentio urinae partialis et completa)

די פאַרגרעסערונג פון דער פּראָסטאַטאַ ביי די עלטערע לייט האָט מען אין געטאָ דערקלערט אַלס פּועל־יוצא פון פאַרקילונגען ביים שלאָפן אין קאַלטע קעלערס און בוידימער, אויסבאַהאַלטנדיק זיך בעת די „אַקציעס“ אין געטאָ. די פאַר־גרעסערונג פון דער פּראָסטאַטע און די פּסיכישע איבערלעבונגען האָבן אויך גע־בראַכט צו די אורין־פאַרהאַלטונגען (אָפט ספּאַזמאַטישע). אַ קאַטעטער איז געווען שווער צו קריגן אין געטאָ. אויף די מאַלינעס האָט מען, פאַרשטענדלעך, די זקנים ניט געקאָנט קאַטעטעריזירן. זיינען אַ סך געשטאָרבן פון נאַטירלעכן „אַ ו ר ע ־ מ י אַ“ ־ ט ו י ט און אַזוי אַרום באַפרייט געוואָרן פון אַרויסגעפירט צו ווערן אויף פּאָנאַר אָדער אין די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ.

אַ מאַסן־דערשיינונג אין געטאָ איז געווען דאָס זייער אָפטע אָפּגעבן אורין (polakysuria) און דאָס אָפּגעבן אורין אין גרויסע כמותן. (polyuria)

אין די פאָדער־צימערס פון די געטאָ־וווינונגען זיינען געשטאַנען גרויסע עמערס און צעבערס; די מענטשן פלעגן גיין אָפּגעבן אורין 4־8־10 מאָל אַ נאַכט. די מענטשן פלעגן זיך אויפכאַפּן פון שלאָף מיט אַ דרינגענדיקן באַדאַרף גלייך אָפּצוגעבן אורין, און זיי פלעגן לויפן צום עמער, אָפּקלאַפּנדיק זיך אָן די שלאָפנדיקע שכנים. אין אַ צימער, ווי שוין דערמאָנט, האָבן געוווינט ביי אַ צען־צוועלף מאַן, אין אַ קליינער דירה — ביי אַ פערציק־זעכציק מאַן. עס איז

מוסקולער א דעפּאָ (5 cm_3) פון Ol Camph אין רעזולטאַט האָט זיך די מענסט־רואַציע באַוויזן ביי אַ סך פרויען.

מען האָט אויך באַנוצט גרויסע דאָזן פון אָוואַריאַל־האָרמאָנען (הונדערט טויזנט — צוויי הונדערט טויזנט איינהייטן) און ס'האָט געגעבן גוטע רעזולטאַטן.

ס'האָט זיך איינגעשטעלט אין געטאָ אָט די סיסטעם: ווען אַ פרוי פאַרלירט די מענסטרואַציע, וואַרט מען זעקס מאָנאַטן, אפשר וועט זי זיך באַווייזן, פון זיך אַליין; און אויב נישט, טרעט מען דאַן צו צו דער היילונג.

געווען א פלאג פון די נעכט דאס שטענדיקע אומאויפהערלעכע מארשירן פון די שכנים אין דעם חושך צו דעם אורין-עמער.

די סיבה פון דער דאזיקער דערשיינונג האט מען געוואלט דערקלערן מיט פסיכישע מאמענטן, וואס רופן ארויס ספאזמען פון דער פענכער-מוסקולאטור, מיט דער שפייז, וואס איז געווען צו רייך אין וואסער און ארעם אין פעטס און וויסל, און, דער עיקר, מיט די גרויסע מענגען זופ, וואס דער עולם האט גע-טרונקען ביים מאנגל אין אנדערע באשפייזונגען, אין די פאלקס-קיכן און אין די ארבעטס-קאמאנדאס. עס איז אויך געווען א מיינונג, וועלכע האט עס געוואלט דערקלערן מיטן מאסן-באנוץ פון סאכארין (אלס דיאורעטיק) צו דער טיי (גע-קאכטע וואסער, באפארבט מיט עפעס א געמיש פון געטריקנטע בלעטער פון יאגדעס). צוקער איז געווען אין געטא א זעלטענע דערשיינונג.

אויך אין די קאנצענטראציע-לאגערן פון עסטלאנד און דייטש-לאנד האב איך אבסערווירט אלס אן אלגעמיינע דערשיינונג דאס אומנארמאל-אפטע אורינירן : די מענטשן פלעגן אפגעבן אורין צען-פופצן מאל א טאג ביי דער ארבעט אויף דער שטרעקע, און א 4-5 מאל א נאכט אין לאגער (דאס האט זיי געבראכט ניט איין מאל געשלאגן צו ווערן מערדעריש דורך די ארבעטס-אויפזעער און באראקן-עלטסטע).

ג) דארם-שטערונגען.

די צו-אפטע נויטווענדיקייט אפצוגעבן קאל איז געווען א מאסן-דער-שיינונג אין געטא. א סך מענטשן פלעגן מוזן דערליידיקן צוויי-דריי מאל א נאכט דעם דאזיקן פיזיאלאגישן געברויך. אין די פאדער-צימערס איז געווען שווער אוועקצושטעלן קאל-עמערס, ווייל די שכנים פלעגן פראטעסטירן צוליבן שלעכטן גערוך. פלעגט מען מוזן זייער אפט לויפן אין די קאלטע נעכט אויפן הויף, אין די קלאזעטן, ווו עס איז געווען פינצטער צוליב דער לופט-אלארם-פארדונקלונג, און דעריבער אויך פארשמוציקט. בכדי אויסצומיידן די דאזיקע אומ-באקוועמלעכקייט, פלעגן מענטשן אויף יעדן פאל פארן שלאפן גיין, שטעלן זיך אין לאנגע רייען. דא פלעגט מען זיך איבערגעבן די נייעס פון טאג.

דאס אפטע אפגעבן קאל (וואס איז געווען לרוב שיטער אין איר קאנסיס-טענץ) איז געווען א פועל-יוצא פון דעם צופיל טרינקען זופן און פון דער דער-נערונג, וואס איז געווען צו רייך אין צעלולאז און צו ארעם אין וויסל-שטאף.

עס איז געווען א שטארקע נייגונג צו גאסטרא-ענטערא-קאליטן (מאגן- און דארם-אנטצינדונגען). פאר טאנאלבין-טאבלעטן (אויף צו פארהאלטן דעם מאגן) פלעגט מען אין געטא צאלן גרויסע פרייזן.

אין די קאנצענטראציע-לאגערן איז גאסטרא-ענטערא-קאליטין אין א שארפער פארם געווען א מאסן-דערשיינונג, וועלכע האט

דערפירט צו אַן אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג פון קערפּער און צו זייער פיל טויט־פאַלן. איינע פון די הויפּט־סיבות פון נאַטירלעכן טויט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז געווען די דיזענ־טעריע־קראַנקייט, וועלכע האָט דאָרטן שטענדיק געהערשט און פון צייט צו צייט אויך אָנגענומען שטורמיש־עפּידעמישע פאָרמען.

ד) געשווילעכצן.

אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג אין געטאָ־לעבן זיינען געווען די געשווי־לעכצן, Oedemata וועלכע האָבן זיך באַוויזן ביי אַ סך מענטשן אויף די הענט, אויף די פיס, ווי אויך אויפן פּנים.

מען האָט געזוכט צו דערקלערן די סיבות פון די דאָזיקע געשווילעכצן מיט שטערונגען פון דער נירן־סיסטעם, מיט האַרץ־דיספונקציעס, מיט האָרמאָנאַלע שטערונגען, היפּאָ־וויטאַמינאָזן און אַ־וויטאַמינאָזן (טיילווייזער אָדער פולקומער מאַנגל אין וויטאַמינען), מיט אויסשעפּונג פון שווערער אַרבעט, מיט וויסל־הונ־גער, ביי דער פאַרבעסערונג פון דער דערנערונג און ביי איינרעגולירונג פון לעבן אין געטאָ, זיינען די געשווילעכצן באַדייטנדיק פאַרשווונדן. אַנדערע האָבן דאָס דערקלערט מיט דער גרויסער צאָל זופּן און וואַסער, וואָס מען פלעגט טרינקען אין געטאָ; צו אַ הסכם אין דער אויפקלערונג פון דער סיבה פון דעם דאָזיקן דעפעקט פון דער וואַסער־ווירטשאַפט אין אָרגאַניזם, איז שווער געווען צו קומען. די הערשנדיקע מיינונג ביי די מעדיצינער אין געטאָ איז געווען, אַז די געשווי־לעכצן זיינען אַ רעזולטאַט פון עטלעכע באַזונדערע סיבות פון געטאָ־לעבן.*)

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון עסטלאַנד און דייטשלאַנד (שטוטהאָף און דאַוטמערגען) האָב איך אָבסערווירט די עקסטרע־מיטעטן און פּנים־געשווילעכץ אַלס אַ זייער אָפטע דערשיינונג, וועלכע איז געווען על פּי רוב פּראָגנאָסטיש פאַר אַן אָנקומענדיקער אַלגעמיינער שנעלער קערפּער־אויסשעפּונג. אין זעלטענע פאַלן, ווען עס איז געווען די מעגלעכקייט צו מאַכן אַן אורין־אַנאַליז, פלעגט על פּי רוב קיין וויסל ניט זיין אין אורין.*)

ביים מאַנגל אין אַנדערע מעדיקאַמענטן, פלעגט דאָס באַנוצן פון אַ שטרענגער קאַרטאָפל־דיעטע (ד. ה. אין משך פון עטלעכע טעג עסן אויסשליסלעך און נאָר איינציקע קילאָ קאַרטאָפל אַ טאָג) ברענ־

---

*) מען פלעגט אַ געוויסע פאָרם פון דער קראַנקייט אָפט אָנרופן מיטן נאָמען: „געטאָ־נעפריטיס" Nephritis ghettica, ווייל מען האָט געזען, אין די אָפטע צו־קילונג פון די געטאָ־איינוווינער בשעת דער אַרבעט אויף דער קעלט, די סיבה פון דער קראַנקייט. איר פאַרלויף איז געווען אַנדערש, ווי ביי נאָרמאַלע געפריטן; אין אורין פלעגט מען קיין וויסל ניט פעסטשטעלן; צו קיין אורעמיע פלעגט ניט דערגיין; דאָס אויסרוען אין בעט פלעגט אָפט געבן גוטע רעזולטאַטן.

געו אַפּט צו אַ גאַנץ קאָנטיקן פאַרשווינדן פון דער געשווילעכץ. ביי אַפּרו און בעסערער דערנערונג, פּלעגט די פאַרשווונדענע געשווילעכץ זיך מער ניט באַווייזן; דאַקעגן, ביי שווערער אַרבעט און „נאַר־מאַלער" לאַגער־דערנערונג, פּלעגט די געשווילעכץ שנעל זיך ווייזן פונסניי.

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט, האָב איך באַמערקט, אַז די געשווילעכץ פּלעגט זיך ספּעציעל מאַני־פעסטירן אויף די פיס. די מעדיצינער פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָבן געוואָלט די דאָזיקע דערשיינונג דערקלערן אַלס רעזולטאַט פון אומאויפהערלעכן שטיין אויף די פיס (פון צוועלף ביז פופצן שעה אַ טאָג). ביי די פרימאָרגן־ און אָוונט־אַפּעלן און ביי דעם גאַנצן אַרבעטס־טאָג האָט מען געמוזט נאָר שטיין, — פאַרן זעצן זיך פלעגט מען מערדערלעך געשלאָגן ווערן פון די אויפזעער. אַלנ־פאַלס, איז די פראַגע ווערט, אַז מען זאָל זי פאַרגלייכן מיט אָבסער־וואַציעס אין אַנדערע געטאָס און לאַגערן.

ה) סקאַביעס (קרעץ)

זייער אָן אָפּטע דערשיינונג איז געווען אין ווילנער געטאָ ס ק אַ ב י ע ס, וועלכע האָט זיך געשפּרייט נ ע ס ט נ ו וו י י ז. לכתחילה פלעגן באַקומען סקאַביעס די מיטגלידער פון איין משפּחה, וועלכע פלעגן שלאָפן אויף איין נאַרע און צודעקן זיך מיט דער זעלבער קאָלדרע. שפּעטער פלעגן אַלע שכנים פון דער זעלבער וווינונג עס באַקומען. אין די שולן האָט סקאַביעס זיך געשפּרייט ב ע נ ק וו י י ז, און שפּעטער ק ל אַ ס נ וו י י ז.

די טעטיקייט פון דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער סעקציע האָט שנעל איבערגעריסן די קראַנקייט, היילענדיק צ וו אַ נ ג ס מ ע ס י ק די אָנגע־שטעקטע און זייערע משפּחות מיט אַ דרייטאָגיקער קוראַציע פון ווילקינסאָן זאַלב (Ung. Vilkinsoni) די קראַנקע און זייערע משפּחות פלעגן צוואַנגס־מעסיק געפירט ווערן אין באָד, און אַלע זייערע בגדים צוואַנגסמעסיק דעזינפעק־צירט ווערן. שפּעטער פלעגן זיי לאַנגע וואָכן אָבסערווירט ווערן דורכן מעדי־ציניש פּערסאָנאַל, צי ביי זיי באַווייזן זיך ניט פאַלן פון רעצידיוון. אין אַזעלכע פאַלן פלעגן זיי צוואַנגסמעסיק ווידער דורכמאַכן דיזעלבע קוראַציע. ווען עס האָט אויסגעפעלט אין געטאָ ווילקינסאָן־זאַלב, האָט מען געהיילט דעם סקאַביעס מיט איינרייבונגען פון Natr. hyposulf. 40/200 מיט Ac.hydroohl. conc. 4/200 און עס האָט אויך געגעבן גוטע רעזולטאַטן. ווען עס זיינען שוין אין געטאָ כמעט ניט געווען קיין סקאַביעס־פאַלן, פלעגן זיך פּלוצלינג באַווייזן נייע סקאַביעס־קראַנקע צווישן די צוריקגעקומענע פון די לאַגערן און פון די וועלדער, ווי אויך פון די טאָרף־אַרבעטן הינטער ווילנע.

אין די קאָנצענט־אַציע־לאַגערן אין עסטלאַנד און דייטשלאַנד איז סקאַביעס שנעל אויסגעהיילט געוואָרן מיט מיטיגאַל. אין קאָנ־

צענטראַציע־לאַגער קורעמע (אין עסטלאַנד) האָט דער דייטשער לאַגער־סאַניטאַר דערשאָסן אייניקע יונגע פרויען, קראַנקע אויף אַ קאָמפּליצירטער, שווער היילבאַ־ער סקאַביעס.

ו) פורונקלען און הויט־אויסשיטונגען.

אַן אָפּטע דערשיינונג אין דער ערשטער תקופה פון געטאָ זיינען געווען די פורונקלען (געשווירן, „טשי־אַקעס"), וועלכע פלעגן זיך שטאַרק צעשפּרייטן אי־בערן קערפּער אַלס פורונקולאָזיס Furunculosis . עס האָט זיך אויך באַ־וויזן אַ גאַנצע ריי אַנדערע הויט־קראַנקייטן : אויסשיטונגען, פיאָדערמיען אַלס רעזולטאַט פון ענגשאַפט, שמוץ און לאַנג ניט געביטן וועש.

מיטן גרינדן פון דער באָד אין געטאָ און מיטן קריגן זייף, האָט זיך די צאָל פורונקלען און הויט־קראַנקייטן באַדייטנדיק פאַרקלענערט. די מעדיצינישע קרייזן האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס טרינקען די געטאָ־ב־וויטאַמין־פּרע־פּאַראַטן ב־ענגט גוטע רעזולטאַטן אין באַקעמפן פורונקלען.

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זיינען די פורונקלען און קאַר־בונקלען געווען אַ זייער אָפּטע דערשיינונג, וועלכע האָט געמאַ־טערט די לאַגער־מענטשן.

ז) פעדיקולאָזיס (פאַרלייזיקונג)

אַ שווערע פּלאָג אין דער ערשטער צייט פון געטאָ איז געווען די פאַרלייזיקונג וואָס האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ קראַנקייט. Pediculosis מענטשן זיינען געווען באַדעקט פון קאָפּ ביז די פיס מיט אינזעקטן. עס איז מיר באַקאַנט אַ פאַל, ווען מען האָט געבראַכט אין געטאָ־באָד אַ מענטשן, וועלכער איז געווען באַ־דעקט מיט לייז ווי אַ פאַנצער, אַזוי אַז עס האָט זיך קיין הויט ניט געזען. ווען ער האָט אַרויסגענומען פון זיינע קעשענעס פּאַפּירן און דאָקומענטן, זיינען לייז געקראָכן איבער די פּאַפּירן. חדשים־לאַנג האָט מען אים געפירט צוואַנגסמעסיק אין באָד און זיינע בגדים צוואַנגסמעסיק דעזינפעקצי־ט, ווייל ער איז געווען אַן „עקשנותדיקער רעצידיוויסט". ביי עלטערע און אָפּגעשוואַכטע מענטשן פלעגט די פאַרלייזיקונג אָנהאַלטן לענגער ווי ביי די יונגע. ביי אַ סך מענטשן פלעגט אַן עקשנותדיק אָנהאַלטנדיקע פאַרלייזיקונג זיין ווי אַן אָנזאָג פון אַן אָנקומענדיקער פולקומער אויסשעפּונג פון קערפּער. די פאַרלייזיקטע פלעגן ווערן אַפּאַטיש, געלבלעך, אַנעמיש, זייער הויט צעדראַפּעט, מיט וווּנדן און פיאָדערמיען. די צוואַנגסמעסיקע אַנטלייזונג אין געטאָ האָט שנעל איבערגעריסן די דאָזיקע פּלאָג (ווענן קאַמף מיט דע־ פאַרלייזיקונג אין געטאָ זע אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען). דער מעדיצינישער קאַמף האָט אין געטאָ באַזיגט די פּלאָג פון לייז.

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון וויייוואַרא, קורעמע און גאָלדפּילץ (אין עסטלאַנד) האָב איך ווידער אָנגעטראָפן מאַסן־דער־שיינונגען פון פאַרלייזיקונג, וואָס האָט געבראַכט צו פלעק־טיפוס־עפּידעמיעס.

אין לאַגער דאַוטמערגן (דרום־דייטשלאַנד) איז לאַנגע מאַנאַטן ניט געווען קיין אַנטלויזונגס־אַנשטאַלט, און אַלע, אָן אויסנאַם, זיינען געווען פּאַראַליזירט, ממש צעפרעסן פון לייז. אַ גרופּע דאָק־טוירים, האָבן מיר אַמאָל געמאַכט אַ „וויסנשאַפטלעכן" עקספּערי־מענט איבער זיך אַליין: וויפיל קאָנען מיר אַראָפּנעמען פון זיך אינזעקטן אין אַ שעה? מיר האָבן יעדער איינער אויפגעציילט אויף זיך אין משך פון אַ שעה איבער זעקס הונדערט לייז, און דאָך זיינען מיר ווייט ניט געבליבן לייזן־לאָז נאָך דער דאַזיקער עפּעראַציע.

די דאַזיקע פּאַראַליזירונג האָט אין דאַוטמערגן אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אַנעמיזאַציע, נערוואָזיטעט, פאַרלוסט פון לעבנס־ענערגיע און לעבנסווילן, און דאָס איז געווען, צוזאַמען מיט דער דיזענ־טעריע און דאָס געשלאָגן־ווערן, אַ גורם פון אַן אומנאָרמאַלער גרוי־סער שטערבלעכקייט. אין יעדער פרייער מינוט פלעגן די מענטשן זיך אַנטלויזן, און אין די נעכט, אויף אָנגעבערענטע בלעכענע רערן אויסדעזינפעקצירן די פאַראַליזירטע העמדער.

ח) טובערקולאָז.

אין געטאָ האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן סימנים פון וואַקסנדיקער טובערקולאָז, ספּעציעל ביי די קינדער. לויט די רענטגען־דורכלייכטונגען, געמאַכט פון שול־מעדיציניש צענטער אין געטאָ־ווילנע, זיינען ביי קרוב זיבעציק־אַכציק פּראָצענט קינדער די פּערי־בראָנכיאַלע דריזן געווען פאַרגרעסערט. די פּירקעט־רעאַקציע איז געווען שטאַרק פּאָזיטיוו ביי קינדער אין גאָר יונגען עלטער. די לעצטע מאָנאַטן פון געטאָ האָבן זיך באַוויזן ביי די קינדער מערערע פאַלן פון „עריטעמאַ נאָדאָזום" (Erythema nodosum) ווי אויך טובערקולאָזע אינפילטראַטן אין די לונגען. קיין מאַסן־כאַראַקטער האָט די טובערקולאָז נ י ט באַוויזן אָנצו־נעמען אין געטאָ.

אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן האָט זיך טובערקולאָז פון די לונגען מאַניפעסטירט ביי די אַרישע „העפטלינגע" — אין פאַרגלייך מיט די יידישע — באַדייטנדיק אָפטער און אין שאַרפערע, טויט־ברענגענדיקע פאָרמען.

לויט ידיעות, וואָס מיר האָבן געהאַט פון גרעאַטעוועטע פון וואַרשעווער געטאָ, איז דאָרטן געווען זייער אַ גרויסע צאָל טובער־קולאָז־קראַנקע, נאָך דער תקופה פון פלעק־טיפוס עפּידעמיע.

ט) אַלגעמיינע קערפּער־שוואַכקייט. "A. K.S."

אין דער ערשטער תקופה פון געטאָ האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן ביי אַ סך עלטערע מענטשן אַ דערשיינונג פון פּלוצימדיקער אָפּשוואַכונג פון קערפּער, אַ געפיל פון „אויסגיין פון די כוחות" און אַן אויסגעמאָגערטקייט, וואָס האָט שנעל פּראָגרעסירט און געבראַכט צו אָפטע טויטפאַלן. מען האָט דאָס דאַן דערקלערט

אַלס פּראָדוקט פון די שווערע איבערלעבענישן און אונטער־דער־נערונג, וועלכער מאַניפעסטירט זיך מיט שווערע רעזולטאַטן, ספּעציעל ביי מענטשן מיט אַ קלענע־רער פיזישער ווידערשטאַנדס־פעאיקייט. דער עולם אין געטאָ פלעגט עס אָנ־רופן פשוט: „לאַנגזאַמער הונגער־טויט".

מיטן פאַרבעסערן פון די לעבנס־באַדינגונגען אין געטאָ און מיטן איינשטעלן הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע — איז די דאָזיקע דערשיינונג אינגאַנצן פאַרשוווּנדן.

אין אַ שאַרפער מאָס ן ־ פאָרם האָב איך געזען די דער־שיינונג פון אַלגעמיינער קערפּער־שוואַכקייט אין די קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן אין עסטלאַנד און אין דייטשלאַנד. זי איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש, פּאָפּולער און בולט, און איר פּראָגנאָז איז גע־ווען אַזוי קלאָר ביי די לאַגער־באַדינגונגען, אַז די דאָזיקע דער־שיינונג איז ביי די אָפיציעלע דאָקטוירים אין די קאָנצענטראַציע־לאַגע־ן, (ביי די סטאַטיסטיקן), ניט פאַררעכנט געוואָרן אַלס פּו־על־יוצא פון פאַרשיידענע סיבות, ווי: הונגער, אַרבעט, אויס־שעפּונג — נאָר זי האָט אין אַלע באַריכטן פיגורירט אַלס זעלבסטשטענדיקע דיאַגנאָסטישע קראַנקייט־איינ־הייט אונטערן נאָמען: „א. ק. ס." — „אַלגעמיינע קערפּער־שוואַ־כע", — און דער אָפּגעשוואַכטער פלעגט זיך רופן: „א. ק. ס.־ניק". דער עולם פלעגט די דאָזיקע אָפּגעשוואַכטע אָנרופן מיטן נאָמען „מוסולמענער". דעם דאָזיקן טערמין האָב איך געהערט אין אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגע־ן, און דערביי האָט מען געגעבן צוויי דערקלערונגען פאַר דער־ עטימאָלאָגיע פון דעם דאָזיקן טערמין:

1) זיי רופן זיך אָן "מוסולמענער", ווייל אָפּגעשוואַכטערהייט פילן זיי אַ שטענדיקן געפיל פון קעלט, שלעפּן אויף זיך זייערע קאָלדרעס, ווי אַראַבער זייערע אַבאַיעס, און מאַכן דעם איינד־רוק פון מוסולמענער, וואָס טרייסלען זיך ביי דער תפילה.
2) אַ מוסולמאַן איז אַ מאַן, וואָס מוז שטאַרבן, ווייל ער האָט שוין ניט קיין לעבנס־כוח און ווידערשטאַנד אין זיך: ער איז אַ מענטש, אַ פאַרלוירענער.

אין די לאַגערן האָבן אָפּט עקזיסטירט ספּעציעלע באַראַקן, בלאָקן אָדער קאָמאַנדאָס פון „מוסולמענער", (אָדער א. ק. ס. ניקעס). פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען טראַנספּאָרטן פון מוסולמענער, ד. ה. אַרויספירונגען פון די אָפּגעשוואַכטע קיין בערגען־בעלזען אָדער סתם אין אַ קרעמאַטאָריום.

אַ „מוסולמאַן" פלעגט זיך כאַראַקטעריזירן מיט אָפּהענגענדיקער טרוקענער הויט, איינגעפאַלענע אויגן, שפּיציקע נאָז, אויסשטייענ־דיקע ביינער פון די באַקן, נידעריקער הייזעריקער שטים, זייער אָפּט מיט אַ וויינענדיקער און בעטלערישער אינטאָנאַציע. ביי די

„מוסולמענער" פלעגט שטענדיק, פון זיך אַליין, „רינען פון דער נאָז". ביי די אַפּעלן פלעגן די „מוסולמענער" קוים איינהאַלטן זיך אויף די פיס, ביים קלענסטן שטופּ פאַלן ווי וואַקס-ליאַלקעס: שטענדיק באַהערשט פון אַ דורשט, זייער געניוגט קראַנק צו ווערן אויף דאַרם-שטערונגען און דיזענטעריע. זיי פלעגן אויסגיין שטיל ווי אַ ליכט, ביים פולן באַוואוסטזיין. אָפט האָסטו נאָך אָקאָרשט גערעדט מיטן מענטשן ווען לויפנדיקע לאַגער-פּראַגן, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין טויט.

אין אַנדערע לאַגערן פלעגט מען די „מוסולמענער" אָנרופן מיטן נאָמען „ק אַ מ ע ל" (ווייל ער טרייסלט זיך ווי אַ קעמל?)...

י) הינערשע בלינדקייט. Haemeralopia

אין געטאָ האָבן זיך באַוויזן צאָלרייכע פאַלן פון „הינערשער בלינדקייט", פון ניט קאָנען אונטערשיידן — בין־השמשות — קיין געשטאַלטן און פאַרבן — אַלס פּראָדוקט פון מאַנגל אין וויטאַמין „ד".

אין די לאַגערן האָב איך אָבסערווירט: די העמעראַלאָפּיע פלעגט אויפטרעטן פלוצים ווי אַ דונער, ביי גרעסערע גרופּן מענטשן. דער עולם פלעגט עס רופן: „אַ בלינדקייט-עפּידעמיע". עס זיינען געווען קליינע פאַרבעסערונגען אין שפּייז, דער עיקר אין הינזיכט פון פעטס, אַז די העמע־אַלאָפּיע זאָל טיילווייז אָדער אינגאַנצן פאַרשווינדן.

יא) די פאַרגרעסערטע שילדדריזע — סטרומאַ.

אַן אויסערסט כאַראַקטעריסטיש פּאַטאָלאָגישע דערשיינונג אין געטאָ איז געווען די עפּידעמישע קינדער-סטרומאַ, וואָס ווען איר וועט אין די וויטערדיקע קאַפּיטלען גענויער באַהאַנדלט ווערן. אויך ביי דערוואַקסענע, ספּעציעל ביי פרויען האָבן זיך באַוויזן מערע־ע פאַלן פון סטרומאַ. (Struma)

עס איז כדאי צו פאַרנאָטירן, אַז אין געטאָ איז באַמערקט געוואָרן אַ באַדייטנדיקע צאָל פאַרגרעסערטע שפּיי־דריזן.

דער אָטאָלאַרינקאָלאָג ד"ר וואָלקאָוויסקי האָט דערקלערט די סיבה פון דער גרויסער צאָל פאַרגרעסערטע שפּיי־דריזן אויף אָט דעם אופן: צוליב דעם מאָנאָטאָנעם עסן קומט פאָר אַ היפּערפּראָדוקציע פון שפּייעכץ, וואָס ברענגט צו אַ פאַרשטאָפּונג אין די קאַנאַלן פון די שפּיי־דריזן; עס שאַפן זיך שפּייעכץ־שטיינער און אַ פאַרהאַלטונג אין דער אויסערלעכער אויסטיילונג. עס קומט אויך אָפט פאָר אַ היפּערפּלאַזיע פון עצם שפּייז־דריז.

אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן האָב איך ניט באַמערקט קיין סטרומאַ ביי די קינדער און דערוואַקסענע. דאַקעגן האָבן זיך געלאָזט מערקן אָפטע פאַרגרעסערטע שפּיי־דריזן, וועלכע האָבן נאָך אָנגעהאַלטן אייניקע חדשים נ אָ ך דער באַפרייונג.

יב) אינפעקציעזע קראנקייטן.

אין דער ערשטער תקופה פון ווילנער געטא האבן זיך באוויזן מערערע פאלן פון פלעק־טיפוס, בויך־טיפוס און פארא־טיפוס „ב". א דאנק דער זייער ענערגי־שער און דיקטאטארישער האנדלונג פון דער סאניטאר־עפידעמיאלאגישער אפ־טיילונג און מיטהילף פון אלע איבעריקע אינסטיטוציעס אין געטא, זיינען די קראנקייטן איבערגעריסן געווארן אין ווארצל, ברענגענדיק נאר איינצעלנע טויט־פאלן.

מאזלען, סקארלאטין האבן ביי די קינדער אין געטא געהאט א לייכטן פאר־לויף. דער דיפטעריט, וואס איז אויסגעבראכן, איז איבערגעריסן געווארן א דאנק די מאסן אנטי־דיפטעריט־איינשפריצונגען ביי די קינדער (וועגן קאמף מיט די אינפעקציעזע קראנקייטן זע אויך אין די וויטע־דיקע קאפיטלעך).

ווי עס האבן דערציילט די שליחים פון ווארשעווער געטא, האט דארט גע־הערשט א שטארקע פלעק־טיפוס־עפידעמיע, וואס האט געבראכט א זייער גרויסע צאל פון טויט־פאלן.

> אין די קאנצענטראציע־לאגער־ן איז פלעק־טיפוס געווען אן אפטער גאסט, מיט גרויסער שטערבלעכקייט. ביי די יידן איז די שטערבלעכקייט פון פלעק־טיפוס געווען באדייטנדיק קלענער, איידער ביי די אריער פון פארשיידענע פעלקער, טראץ די ערגערע באדינגונגען, אין וועלכע די יידן האבן זיך געפונען אין די לאגערן. עס איז כדאי צו באמערקן, אז וואס עס איז שייך דער שטערבלעכ־קייט פון פלעק־טיפוס ביי יידן אין די לאגערן, איז זי ביי די מענער געווען באדייטנדיק גרעסער ווי ביי די פרויען. בכלל איז דאס קראנק ווערן און די נאטירלעכע שטערבלעכקייט פון פארשיידענע קראנקייטן, געווען ביי די פרויען א סך קלענער ווי ביי די מענער (מעגלעך דערפאר, וואס די פרוי האט זיך בעסער אן עצה געגעבן אין פראגן פון ריינקייט פון איר וועש, ווי אויך אין אפקאכן זיך עפעס צום עסן ביי די שווערע לאגער־באדינגונגען).
>
> דער פלעק־טיפוס איז אין די לאגערן דערשינען זייער אפט אן די כאראקטעריסטישע פלעקן. דעם דיאגנאז פלעגט מען שטעלן אין איינצלנע פאלן, ווו עס זיינען געווען מעגלעכקייטן דערצו, א דאנק „וייל־פעליקס" פאזיטיווער רעאקציע. אין די מערהייט פאלן אבער, נאר אויפן סמך פון אידענטישן פארלויף פון דער קראנקייט מיט הויכער טעמפעראטור און פסיכאזן ביי א סך קראנקע, צווישן וועל־כע נאר א טייל האט געהאט די כאראקטעריסטישע פלעקן.
>
> דעם דיאגנאז פלעגט מען שטעלן אויפן סמך פון כאראקטעריסטי־

שער הויט־רעאַקציע ביים אָנדריקן די קאַפּילאַרע בלוט־געפעסן פון האַנט אָדער פון פלייצע; אויפן סמך פון כאַראַקטעריסטישע סימנים פון צונג, ווי אויך אַ דאַנק דער טענדענץ פון חולה צו ליגן ניט אין דער לענג פון בעט, נאָר אין דער ברייט (אַ זייער אָפּט באַמערקטע דערשיינונג אין די עסטאָנישע לאַגערן). אַלס אַן אָפּטע קאָמפּליקאַציע פון דעם פלעק־טיפוס אין די לאַגערן, זיינען געווען גאַנגרענעס אויף די פיס, שטאַרקע פסיכאָזן — און אין פאַל פון אויסהיילן זיך — מאָנאַטלאַנג דויערנדיקע פיס־געשווילעכצן און פאַרשנעלערטער פולס.

פאַר די יידישע דאָקטוירים, וואָס שטאַמען פון פוילן, ווו מען טרעפט אָן פאַרא־טיפוס B און כמעט קיינמאָל ניט פאַרא־טיפוס A, איז געווען אַ נייעס צו טרעפן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערןביידע טיפן פון פאַרא־טיפוס (פעסטגעשטעלט דורך באַקטעריאָלאָגישע אַנאַליזן ביי פאַרשיידענע לעגאַלע און אומלעגאַלע געלעגנהייטן). אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין עסטלאַנד און דייטשלאַנד ,וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט, האָט מען ניט געמאַכט די „העפּטלינגע” קיין שום איינשפּריצונגען, ניט קעגן בויך און פאַרא־טיפוס, ווי אויך ניט קעגן פלעק־טיפוס. פאַרקערט די דייטשע אויפזעער, פלעגן מוזן פּעריאָדיש דורכמאַכן איינשפּריצונגען קעגן בויך־טיפוס, פאַרא־טיפוס, דיזענטעריע און כאָלערע, ווי אויך קעגן פלעק־טיפוס. די איינשפּריצונגען פלעגן ביי זיי איינגעטראָגן ווערן אין ספּעציעלע ביכלעך.



○ הייל-אנשטאלט
● סאניטאר-היגיענישער אנשטאלט
□ לערן- און דערציונגס-אנשטאלט
■ פאך-אנשטאלט
△ אפראוויזאציע
▲ געזעלש.-קולטורעלע אינ.

מעדיציניש-סאניטארע אנשטאלטן
אין געטא ווילנע — 1941 - 1943

IV.

סאניטאר־עפידעמיאלאגישע אפטיילונג אין געטא

א) אכטונג ! „זויכע־געפאר".

אויף די טויערן פון געטא האט די דייטשע מאכט אויפגעהאנגען א גרויסע אויפשריפט : „א כ ט ו נ ג, ז ו י כ ע ־ ג ע פ א ר, איינטריט פאר ניט־יידן שטרענג פארבאטן ! "

די יידישע דאקטוירים האבן פארשטאנען, אז אן אויסברוך פון א ווירקלעכער עפידעמיע קאן פארשנעלערן דעם אומקום פון געטא, און אז דער קאמף פאר פארהיטן דעם געטא פון עפידעמיעס איז א קאמף אויף געווינען צייט און פארלענגערן ביזן מעגלעכן מאקסימום די טעג פון געטא. גלייך אין די ערשטע טעג פון געטא איז צוזאמענגערופן געווארן אויפן הויף סטראשונא 6, א באראטונג פון די יידישע דאקטוירים, ווי צו פארבעסערן די סאניטארע באדינגונגען אין געטא־לעבן. עס איז געשאפן געווארן א סאניטאר־עפידעמיאלאגישע אפטיילונג, וואס האט זיך געשטעלט אלס איר הויפט־אויפגאבע ארייננצוברענגען אין די טרויעריקע געטא־באדינגונגען היגיענע און סאניטאריע, באקעמפן און פארהיטן דעם געטא פון אנשטעקנדיקע קראנקייטן.

קאמף קעגן שמוץ אין די הויפן און הייזער (סכנה פאר בויך־טיפוס און דיזענטעריע), קאמף קעגן לייז (סכנה פאר פלעק־טיפוס), קאמף קעגן קרעץ, דיפטעריט און אנדערע אנשטעקנדיקע קראנקייטן, — דאס זיינען געווען די לאזונגען פון דער סאניטאר־עפידעמיאלאגישע־ אפטיילונג. מען האט אין ווילנער געטא זייער גוט געוווסט, אז אין קאוונער געטא האבן די דייטשן פארברענט א שפיטאל מיט יידן, אונטער דעם אויסרייד, אז דארטן זיינען געווען פאלן פון דער שווערער אומהיילבארער־ קראנקייט — לעפרא (צרעת).

בראש פון דער אפטיילונג איז געשטאנען ד"ר לאזאר ע פ ש ט יי ן פון קאוונע, וועלכער האט ארויסגעוויזן א סך איניציאטיוו און עקשנות אין דער ארבעט. אין דער אפטיילונג האבן געארבעט (אנדערע סטאביל און אנדערע אין געוויסע פעריאדן) : ד"ר אימעניטאווא, ד"ר גאלדבורט, ד"ר בערנשטיין, ד"ר גליקסבערג, ד"ר זייידלער, ד"ר עפשטיין עמנואל, ד"ר קאלאדנער, ד"ר קאסטשעגעווסקי, ד"ר סמושקאוויטש און דער שרייבער פון די שורות. אין דער סאניטאר־עפידעמיאלאגישער אפטיילונג איז געווען טעטיק א גרעסערע צאל יידישע קראנקן־שוועסטער.

ב) סאַניטאַרע ראַיאָן־דאָקטוירים און שוועסטער.

דער געטאָ איז צעטיילט געוואָרן אין ראַיאָנען. יעדער ראַיאָן איז געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון אַ סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישן דאָקטער און אייניקע שוועסטער, וועלכע פלעגן אַ גאַנצן טאָג גיין פון דירה צו דירה, פון צימער צו צימער, דערמאָנענען און אַפּעלירן: אויסצוקערן די צימע־ן, לופטערן דאָס בעטגעוואַנט, וואַשן טעלער און טעפּ, וואַשן די דילן, אַראָפּנעמען שפּינוועבס פון די בילדער און ווענט; זיי פלעגן געבן אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו קעמפן מיט די וואַנצן, אַכטונג צו געבן אויף דער היגיענע אין די הויפן; זיי פלעגן געבן פאַראָרדנונגען די הויף־וועכטער, ווי צו האַלטן די ריינקייט אין די קלאָזעטן און די אָרדנונג פון די מיסטקאַסטנס, רעגולירן דאָס שיקן אין באָד און דעזינפעקציע, פירן די רשימות פון די פאַרלייזיקטע און פאַרקרעצטע, וואָס נויטיקן זיך אין ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט און קאָנטראָל.

ג) סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע „אַפּעלן”.

יעדן אָוונט, אָפטמאָל אויך פרימאָרגן, פלעגן זיך צונויפקלייבן אַלע סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע דאָקטוירים און שוועסטערס צום אַלגעמיינעם אַפּעל. דערביי פלעגן די דאָקטוירים אָפּגעבן באַריכטן וועגן די באַזוכטע דירות און הויפן, דאָס וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן און דאָס נייע, וואָס דאַרף נאָך אַריינגעפירט ווע־ן.

ד) קאַמף קעגן לייז, סאַניטאַרער דורכלאָז־פּונקט.

איינער פון די הויפּט־פאַרדינסטן פון דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג איז געווען דאָס געלונגענע באַקעמפן פון דער לייז־פּלאָג, און דאָס פאַרהיטן די געטאָ־באַפעלקערונג פון דער פלעק־טיפוס־עפּידעמיע.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג איז אויפגעבויט געוואָרן, מיט דער מיטהילף פון אינזשענער מאַרקוס, לייטער פון די טעכנישע געטאָ־וואַרשטאַטן — אַ גרויסער סאַניטאַרער דורכלאָז־פּונקט (באָד און דעזינסעקציע), אויף רודניצקאַ 6 (הויף פון די יידן־ראַט־אַנשטאַלטן), און שפּעטער אויך אַ צווייטער, אויף סטראַשון גאַס 6. דער סאַניטאַרער דורכלאָז־פּונקט איז באַשטאַנען פון:

1) אַ צימער, אין וועלכן מען פלעגט אויסטאָן די שמוציקע זאַכן,

2) אַ דעזינסעקציע־קאַמער,

3) אַ באָד־צימער מיט שפּריצן,

4) אַ ריין צימער, ווו די אויסגעבאָדענע פלעגן באַקומען צוריק זייערע דעזינסעקטירטע זאַכן.

פון פרימאָרגן ביז שפּעט ביינאַכט פלעגן גיין פּאַרטיעס יידן, צו 22 מאַן אין אַ פּאַרטיע, צו דעם סאַניטאַרן דורכלאָז־פּונקט. דאָס אויסבאָדן זיך און דורכמאַכן די דעזינסעקציע פלעגט דויערן פאַר יעדער פּאַרטיע איין שעה.

דאָס באַזוכן דעם סאַניטאַרן דורכלאָז־פּונקט איז געווען אַ צוואַנג־זאַך מצד דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג. יעדער ייד האָט באַזיצט אַ קאַרטע, אויף וועלכער עס איז געשטעמפּלט געוואָרן אַ ספּעציעלער שטעמפּל יעדעס מאָל פון דורכגיין די דעזינסעקציע. מינימום האָט יעדער איינער געמוזט באַזוכן איין מאָל אין חודש דעם סאַניטאַרן דורכלאָז־פּונקט. אָן אַ שטעמפּל פון סאַניטאַרן דורכלאָז־פּונקט פלעגט קיינער אין געטאָ נים קאָנען באַקומען זיין חודשלעכע פּראָדוקטן־קאַרטע. מיטן אויפבוי פון די סאַניטאַרע דורכלאָז־פּונקטן, האָבן די לייז אָנגעהויבן גיך צו פאַרשווינדן אין געטאָ, און די עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס, וועלכע האָט זיך שוין געהאַט באַוויזן, איז איבערגעריסן געוואָרן אין איר אָנהייב.

ה) לייז־נעסטן.

אָפּגעשוואַכטע, אַפּאַטישע, עלטערע, עלנטע און קראַנקלעכע פּערזאָנען, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט ווידערשפּעניקע לייז־נעסטן, אַ לאַנגע צייט, נאָכדעם ווי די מע־הייט פון געטאָ איז שוין געווען לייז־ריין. זיי פלעגן געשיקט ווערן צוואַנגסמעסיק יעדע וואָך, אומזיסט אין די סאַניטאַרע דורכלאָז־פּונקטן. די קראַנקן־שוועסטערס פלעגן אויפפּאַקן זייערע אַלע בגדים און וועש אין פּעק און טראָגן עס צו דער דעזינסעקציע, ניט פאַרלאָזנדיק זיך דערויף, אַז זיי זאָלן דאָס אַליין טאָן.

ו) דער משפּט איבער דער געטאָ־לויז.

בכדי צו פּאַראינטערעסירן דעם געטאָ־עולם אין קאַמף קעגן די לייז און אויפקלערן די סכנה פון פלעק־טיפוס, איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין גרויסן געטאָ־זאַל, רודניצקאַ 6, „אַן עפנטלעכער משפּט איבער דער לויז“, וועגן וואָס עס איז פּלאַקאַטירט געוואָרן אין אַלע געסלעך פון געטאָ.

ד״ר לאַזאַר עפּשטיין האָט אַלס פּראָקוראָר באַשולדיקט די לויז, אַז זי פּייניקט די געטאָ־איינוווינער, ציט אַרויס זייער בלוט, און וויל ברענגען צום טויט דורך אירע עפּידעמיע־מעגלעכקייטן.

ד״ר פּאָטשטער אַלס פּאַרטיידיקער האָט געבעטן רחמנות אויף דער לויז, ווייל זי איז נישט שולדיק, וואָס זי זויגט בלוט: אַזוי איז איר ביאָלאָגישע איינגעשאַפט, — נאָר שולדיק זיינען די באַדינגונגען, וועלכע דערלויבן די לייז זיך צו אַנטוויקלען.

דער שרייבער פון די שורות האָט אין דער ראָל פון אַן עקספּערט דערקלערט דעם עולם, ווי אַזוי די לייז ברענגען די פלעק־טיפוס־עפּידעמיע און מיט וואָס עס

האט דעם געטאָ. די ריכטער האָבן אַרויסגעטראָגן זייער אורטייל, אַז די לויז מוז פאַרברענט ווערן אין דער דעזינפעקציע־קאַמער און מוז פאַרשווינדן פון געטאָ, צוזאַמען מיט די באַדינגונגען, וועלכע האָבן זי געבראַכט . . .

ז) פריזירייען.

אין געטאָ זיינען געווען איינציקע שער־אַנשטאַלטן. זיי זיינען געשטאַנען אונטער דעם טעגלעכן קאָנטראָל פון דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג. אַ ספּעציעלע קינדער־שערעריי איז געווען ביי דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג, וווהין עס פלעגן געשיקט ווערן דורכן שול־מעדיציניש צענטער די קינדער צו אומזיסטער און אָבליגאַטאָרישער האָר־שערונג.

אין די לעצטע מאָנאַטן פון געטאָ, ווען מען האָט געוואָרט אויף דער ליקווידאַציע, האָט מען אויפגעהערט מקפּיד צו זיין אויף דער האָר־שערונג, בכדי אין פאַל פון אַנטלויפן פון געטאָ זאָל מען לויט דעם געטאָ־געשוירענעם קאָפּ ניט דערקענען, אַז דאָס איז אַ געטאָ־קינד.

ח) פּאָפּולערע לעקציעס.

די סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע אָפּטיילונג פלעגט אָפט איינאָרדנען לעקציעס אין געטאָ־זאַל, ווי אויך אין די פאַרשיידענע אַרבעטס־איינהייטן ווי אַזוי זיך צו פאַרהיטן פון פאַרשיידענע דראָענדיקע אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן (בויך־טיפוס, פלעק־טיפוס, דיזענטעריע, דיפטעריט און אַ. וו.).

ט) אַנטי־סקאַביעס־פונקט.

אויף שפּיטאָל־גאַס האָט זיך געפונען אַ פונקט, וווּ אונטער דער אויפזיכט פון אַ דאָקטאָר פלעגן די סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע שוועסטער׳ס דורכפירן איינרייבונגען פון אַנטי־סקאַביעס־מיטלען ביי גרופּן קראַנקע, און נאָכן פאַרענדיקן די קוראַציע פירן די געהיילטע אין באָד און אויף דעזינפעקציע.

ט) אַנטי־ט. ב. צ.־פונקט.

אויף רודניצקא 19 האָט זיך געפונען אַ פונקט, צו וועלכן עס פלעגן זיך ווענדן קראַנקע אויף טובערקולאָז, באַקומען קאַלך איינשפּריצונגען, און ווו מען פלעגט זיי פאַרזען מיט רענטגען־דורכלויכטונגען, פּנוימאָטאָראַקס, טובערקולין־פּראָבן פאַר קינדער.

דער לייטער איז געווען דער דר. וו. פּאַטשטער.

יא) אַנטי־וואַנצן־בריגאַדע.

בכדי צו באַקעמפן די וואַנצן, וועלכע זיינען זומער־צייט געווען אַ שווערע פּלאָג פאַרן געטאָ, איז געשאַפן געוואָרן אַ בריגאַדע פון שוועסטער און דעזינ־

פּעקטאָרן, וועלכע פּלעגן דורכפירן די וואַנצן־פאַרניכטונג אין די הייזער און דערנאָך אָפּט קאַלכן די ווענט.

יב) דעזינפעקציע־קאַמערן.

ביי דער סאַנ.־עפּיד.־אָפּטיילונג האָט עקזיסטירט אַ דעזינפעקציע־קאַמער, וואוהין עס פּלעגן אָפּגעשיקט ווערן אַלע זאַכן פון די איינוואוינער פון אַ וווינונג, וווּ עס האָט געטראָפן אַ פאַל פון אַן אַנשטעקנדיקער קראַנקייט.

יג) וועשערייען.

ביים געטאָ־שפּיטאָל האָט עקזיסטירט אַ וועשעריי, וווּ עס פלעגט געוואַשן ווערן נאָכן דורכגיין די דעזינפעקציע־קאַמערן, דאָס וועש פון די קראַנקע און זייערע משפּחות. שפּעטער איז די וועשעריי אויסגעברייטערט געוואָרן, אַזוי, אַז אַ י ע ד ע ר געטאָ־איינוווינער האָט געהאַט דאָס רעכט צו וואַשן 5 קילאָ וועש איין מאָל אין חודש לויט דער ריי. די לייטערין פון דער וועשעריי איז געווען ד״ר נעמי גאָרדאָן. שפּעטער, איז צוגעקומען אין געטאָ אַ צווייטע גרויסע וועשעריי, וווּ עס פלעגן געוואַשן ווע״ן די זאַכן פון די דייטשע זעלנער, געפאַלענע אויפן פראָנט. בראש פון דער דאָזיקער וועשעריי איז געשטאַנען פינטשוק, וועלכער איז געווען דער ווירטשאַפטלעכער לייטער פון געזונטהייטס־אָפּטיילונג.

יד) דאָס אַרויספירן דאָס מיסט.

בכדי צו פאַרהיטן דעם געטאָ פון דער דראָענדיקער געפאַר, וואָס האָבן מיט זיך געטראָגן די וואַקסנדיקע בערג מיסט, האָט די סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע אָפּטיילונג אָנגעהויבן אַ מאַסן־אַקציע פון אַרויספירן דאָס מיסט אויסערן געטאָ אויף פורלעך פון פויערים פון דער אַרומיקער אומגעגנט, וועלכע פלעגן האָנאָרירט ווערן פאַר זייער אַרבעט מיטן קאָנען באַנוצן זיך מיטן אַרויסגעפירטן מיסט און קאַרטאָפל־שאָלעכץ (צו באַמיסטיקן די פעלדער און געבן עסן די בהמות). ביים אַרויספירן די ט ו י ז נ ט ע ר מיסט־פור פון געטאָ, האָט די סאַ־ניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע אָפּטיילונג איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן אַפּעל אונטערן נאָמען: „ט ו י ז נ ט פ ו ר ן מ י ס ט״! אויף דער וואַנט פון דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אַ פּלאַקאַט, אויף וועלכן עס זיינען געווען געמאָלט אומענדלעכע שורות פון פורן, וואָס גייען פון געטאָ באַלאָדן מיט מיסט . . .

טו) די הויז־וועכטער אין געטאָ.

בכדי אויף די הויפן פון געטאָ זאָל הערשן אַ שטענדיקע ריינקייט סיי אויף די הויפן גופא, סיי אויף די טרעפּ, סיי אין די קלאָזעטן און מיסטקאַסטנס, — אַזוי, אַז ביי אַ דייטשער קאָמיסיע זאָלן צוליב דער אַנטי־סאַניטאַרישקייט אין געטאָ ניט אַנטשטייען קיין אומבאַקוועמלעכקייטן, זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר

יעדן הויף הויף־וועכטער, וועלכע האָבן פאַר זייער אַרבעט געהאַט אַ לעבנס־שיין. זיי זיינען אַלע געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער סאַניטאַר־עפּי־דעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג, וואָס אירע דאָקטוירים פלעגן יעדן טאָג נאָכן באַזוכן די הויפן, אַריינשרייבן אין די „הויף־וועכטער־ביכעלעך" זייערע באַמערקונגען און דעזידעראַטן. פאַר ניט־האַלטן־ריין דעם הויף ,האָט דער הויף־וועכטער גע־קאָנט פאַרלירן זיין לעבנס־שיין.

טז) צימער־רוימערינס־בריגאַדע.

בכדי עס זאָל זיין ריין אין אַלע אָפיציעלע אַנשטאַלט־צימערן פון דער געטאָ־פאַרוואַלטונג און אירע אָפּטיילונגען ,איז באַשטימט געוואָרן אַ בריגאַדע פון צימער־רוימערינס, וועלכע פלעגט יעדן טאָג וואַשן די פאָדלאָגעס פון די אַנשטאַלטן און ברענגען זיי אין אַ מוסטערהאַפטער אָרדנונג. די צימער רוימערינס האָבן זיך הויפּטזעכלעך רעקרוטירט פון פרויען פון געוועזענע געזעלשאַפטלעכע טוער אין ווילנע, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע מענער און זייער שוץ. אַרבעטנדיק אַלס צימער־רוימערינס, האָבן די פרויען געהאַט די מעג־לעכקייט צו באַזיצן אַ לעבנס־שיין.

יז) אימפונגען קעגן בויך־טיפוס.

בכדי צו פאַרהיטן דעם געטאָ פון אַ בויך־טיפוס־עפּידעמיע און אירע קרובהשע קראַנקייטן, זיינען דורכגעפירט געוואָרן דורך דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג איינשפּריצונגען קעגן בויך־טיפוס, פּאַראַ־טיפוס, דיזענטעריע און כאָלערע („טעטראַ"). צוואַנגסמעסיק זיינען געאימפט געוואָרן אַלע אָנגעשטעלטע פון די געטאָ־קיכן, שפּייז־קראָמען, לערערשאַפט און מעדי־ציניש פּערסאָנאַל. די אימפונגען פלעגן פאָרקומען אין אַ ספּעציעלן אימ־פונגס־פונקט. דער מאַטעריאַל פאַר די אימפונגען איז צוגעשיקט געווען דורך די דייטשן (ניט האָבנדיק קיין צוטרוי צו דעם מאַטעריאַל ,האָט מען פריער געאימפט אין געטאָ די הינט און אַנדערע בעלי־חיים, בכדי צו זען צו דער מאַ־טעריאַל איז ניט גיפטיק).

יח) טשאַינעס.

בכדי צו געבן אַ מעגלעכקייט די יידן, וואָס גייען צו דער אַרבעט, צו האָבן פרימאָרגנס און אין אָוונט פאַרטיק געקאָכטע וואַסער, זיינען געעפנט געוואָרן אין אַלע ראַיאָנען פון געטאָ טשאַינעס, ד. ה. טיי־הייזער, ווו דער עולם האָט אַ גאַנצן טאָג געקאָנט קויפן געקאָכט וואַסער פאַר אַ מינימום־פּרייז (פון צען קאָפּיקעס ביז אַ רובל, אין דער צייט, ווען אַ קילאָ ברויט האָט געקאָסט אַן ערך פופציק רובל).

יט) געטאָ־קאַראַנטין.

ביים טויער פון געטאָ, רודניצקאַ 19, האָט זיך געפונען אַ קאַראַנטין, אונטער

דער אויפזיכט פון דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג, ווו עס פלעגן זיך געפינען אויף אַ באַשטימטן טערמין, די יידן, וועלכע פלעגן אָנקומען פון די אַרומיקע לאַגערן, ביי וועלכע עס איז געווען אַ פאַרדאַכט אויף פלעק־טיפוס אָדער אַנדערע אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. לייטערין איז געווען דר. אימעניטאָווא (די שוועסטער פון פאטי קרעמער).

כ) בלומען־גערטלעך אין געטאָ

אין געטאָ איז געווען איינגאַנצן איין בוים, אויפן הויף פון רודניצקא 6, אויף אַ פּלעצל, ווו עס איז געווען אַמאָל אַ גערטנדל. אַרום דעם בוים פלעגט די געטאָ־יוגנט גיין שפּאַצירן. די סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע אָפּטיילונג איז אַרויס מיט דער איניציאַטיוו צו פאַרפלאַנצן קליינע בלומען־גערטנדלעך אויף רודניצקא 6, ווי אויך אויף אַ גאַנצע ריי אַנדערע הויפן פון ווילנער געטאָ. אַ בלומען־גערטנדל אין פאָרם פון אַ מגן־דוד איז פאַרפלאַנצט געוואָרן לעבן שול־מעדיצינישן צענטער, ביי דעם טייל פון געטאָ־טויער, וואָס האָט אָפּגעטיילט די סטראַשון־גאַס (וואָס האָט זיך געפונען אין געטאָ) פון דער זאַוואַלנער גאַס (וועלכע האָט זיך געפונען אויסערן געטאָ.) די קינדער פלעגן זיך שפּילן ביי די גערטנדלעך און בגנבה אַראָפּגנבענען אַ בלום פאַר דער מאַמען.

כא) סאַניטאַרע פּאָליציי

ביי דער געטאָ־פּאָליציי איז געווען אַ ספּעציעלע סאַניטאַרע אָפּטיילונג, וועלכע האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אויסערלעכער ריינקייט פון די גאַסן, מויערן, פענסטער, רעגולירן די אַרויספירונגען פון שניי און פון גראָז. דאָס פּינקטלעכע אויספירן פון אירע פאַראָרדנונגען, פלעגט די סאַניטאַרע פּאָליציי אַרויפצווינגען מיט שווערע געלט־שטראָפן אָדער מיט זעצן אין געטאָ־תּפיסה. בראש פון דער סאַניטאַרער געטאָ־פּאָליציי איז געשטאַנען דער ענערגישער און זייער שטרענגער רפאל אָסטער (פון קאָוונע). די סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע אָפּטיילונג האָט דאַקעגן געהאַלטן, אַז די ריינקייט אין געטאָ דאַרף מען דורכפירן ניט דורך זעצן אין תּפיסה, נאָר דורך אומאויפהערלעכער פּראָפּאַגאַנדע, אויפקלערונגען און דורך איבערצייגן די יידן אין דער וויכטיקייט פון דער זאַך, און אין דער סכנה, וואָס ליגט פאַרן געטאָ אין פאַל פון אַן עפּידעמיע.

כב) די אָרגאַניזאַציע פון דער ריינקייטס־אויפזיכט

בכדי צו האָבן אַ סטאַבילע, פּרעציזע טאָג טעגלעכע אויפזיכט אויף דער ריינקייט אין געטאָ און אויפן באַלדיקן דורכפירן פון אַלע סאַניטאַרע פאַראָרדנונגען אין אַלע ווינקלען פון געטאָ — איז איינגעשטעלט געוואָרן אָט די „היעראַרכיע“.

יעדער צימער (4־8־10־20 איינוואוינער) האָט זיין פאַראַנטוואָרטלעכן; דאָס רוב אַ פרוי — צימער קאָמענדאַנטין.

איבער אַלע צימערן פון איין הויז (דירה) שטייט אַ הויז קאָמענדאַנטין.

איבער אַלע הויז־קאָמאַנדאַנטינס אין זעלבן הויף שטייט די הויף־קאָמאַנדאַנטין.

איבער אייניקע הויפן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאַנצקייט — שטייט דער „אַדמיניסטראַטאָר".

אין אַלע פראַגן פון רעגולירן דעם צופלוס און אָפפלוס פון דער באַפעלקערונג פון איין וואוינונג אין דער אַנדערער, פאַלן די קאָמענדאַנטינס אונטער דער אויפזיכט פון דער וואוינונגס־אָפּטיילונג; אין אַלע פראַגן פון ריינקייט און היגיענע — דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג. די סאַניטאַרע פאַראָרדנונגען פלעגן אָפט מוזן שנעל־בליציק דורכגעפירט ווערן אין אַ שעה־צוויי (למשל, אַבסאָלוטע ריינקייט און אָרדנונג אין די צימערן, אויסוואַשן די דילן, ריינמאַכן די טרעפּ, פּוצן די פענסטער־שויבן — ערב אַ דערוואַרטעטע דייטשע „סאַניטאַרע אינספּעקציע"). דער גאַנצער „הייראַרכיע־אַפּאַראַט" איז געווען פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך, אונטער דער סכנה פון פאַרלירן דעם לעבנס־שיין, אין פאַל פון פאַרנאַכלעסיקן אינעם דורכפירן די ריינקייט־פאַראָרדנונגען. ס'האָט געהערשט די מיינונג, אַז אַבסאָלוטע ריינקייט נעמט צו ביי די דייטשן דעם פּרעטעקסט צו ליקווידירן דעם געטאָ אַלס „נעסט פון מגפות".

V.

דער קאַמף קעגן הונגער אין געטאָ

א) דאָס אַריינשמוגלען שפּייזן

די טאָג־טעגלעכע געדאַנקען פון יעדן געטאָ־תושב זיינען געווען געווידמעט די צוויי הויפּט־פראַגן : 1) ווי ראַטעוועט מען זיך אַרויס פון די טויט־אַקציעס, און 2) ווי ראַטעוועט מען זיך פון הונגער ?

דאָס קריגן אַן אַ־בעטס־שיין האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו בלייבן לעבן (כל זמן די שיינען זיינען גילטיק), אַרבעטן, און ביי דער אַרבעט עפּעס טוישן מיט די אַרומיקע קריסטלעכע שכנים (למשל, אַן אויבערהעמד ,אַ קאָסטיום, אַ זייגערל) אויף ברויט, קאַרטאָפל וכד. דאָס טוישן די זאַכן, דאָס אַריינברענגען די שפּייז אין געטאָ — איז געווען פאַרבונדן מיט דער סכנה פון שמיץ, פון אַרעסט און טויט. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַנצע „לעַרע", ווי אַזוי אַריינצושמוגלען שפּייז אין געטאָ, דורך „לאַנגע" קעשענעס, קאָמפּרעסן פון מעל אַרום לייב (אין פאָרם פון קאָרסעטן), אין דעם אָרון פון די מתים, אונטער פורן מיט מיסט און מיט האָלץ, דורך לעכער און בוידעמער און קעלערן, וועלכע קאָמוניקירן מיט די „אַרישע" בוידימער און קעלערן, אין דאָפּלט־דעקן פון אַרבעטס־מכשירים, ווי אויך אונטער דער סאַזשע אין די עמערס פון קוימען־קערע־ס. דאָס איז געווען אַ טאָג־טעגלעכער, קאָמפּליצירטער, סכנה־פולער, א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע ר געראַנגל מיט הונגער, ביי וועלכן ניט איינער האָט באַצאָלט מיטן לעבן.

גאָר שלעכט איז אָבער געווען די לאַגע פון די „ווייסע" שיינען, וועלכע האָבן אויסערן געטאָ ניט געקאָנט אַרויס צו דער אַרבעט ; פאַר זיי איז גע־שאַפן געוואָ־ן אין געטאָ הילף דורך דעם געזעלשאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט, סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, ווינטער־הילף.

ב) דער געזעלשאַפטלעכער הילפס־קאָמיטעט.

אין דער צייט, ווען דער יידן־ראַט איז געוואָרן נאָמינירט פון דער דייטשער מאַכט, איז דער געזעלשאַפטלעכע־ הילפס־קאָמיטעט באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון די אונטערערדיש־פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען אין געטאָ. אַלע יידישע אַרבעטער פון די „איינהייטן" פלעגן איינצאָלן לטובת דעם געזעלשאַפט־לעכן הילפס־קאָמיטעט, פרייוויליק, מינימום צוואַנציק רובל אַ חודש, און אַלע אָנגעשטעלטע אין די געטאָ־אַנשטאַלטן — פינף פּראָצענט פון זייער שכירות.

אנדערע מקורות פון הכנסה זיינען געווען : איינקונפטן פון ספּעציעלע אונטער־נעמונגען אין געטאָ (פּאַרשטעלונגען וכד.) און מתנות פון יחידים ביים ראַטעוון זיך פון תפיסה, צום געדענק־טאָג פון אַ פאַרשוווּנדענעם, וכד. דער לאָזונג פון געזעלשאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט איז געווען : ע ס ט אָ ר ק י י ן ה ו נ ג ע ר י ק ע ר נ י ט ז י י ן א י ן ג ע ט אָ ! דער פּרעזידיום איז באַשטאַנען פון דר. ש. מילקאָנאָוויצקי (פּאָרזיצער), דיכטער אַפּעסקין (וויצע־פאָרזיצער), דר. מ. דוואָרזשעצקי (גענעראַל־סעקרעטאַר), לערערין מרים בערנשטיין (קאַסירערין). פון די איבעריקע מיטגלידער דערמאָן איך זיך פאָלגנדיקע געזעלשאַפטלעכע טוער פון געטאָ (אַנדערע סטאַביל, אַנדערע צייטווייליק) : יוסף גלאַזמאַן, כוואַיניק, וויטענבערג (אַלע דריי געפאַלן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּאַרטיזאַנען־טעטיקייט), פּינטשוק, דעאָל, הערמאַן קרוק, גוטגעשטאַלט, יאַשונסקי, קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, טרומפּיאַנסקי, ווינדאַרטשיק, כיענאַ באָראָווסקאַ.

דער געזעלשאַפטלעכער הילפס־קאָמיטעט פלעגט טיילן חודשלעך געלט־סובסידיעס, פּראָדוקטן (ברויט, קאַרטאָפל, מעל, גרויפּן), ספּעציעלע אונטער־שטיצונגען פאַר קינדער־אַנשטאַלטן, לערער, פּאַרוווּנדעטע ביי דער אַרבעט, קלומפּעס פאַר די באָרוועסע. אַ סך האָבן באַקומען זייער אונטערשטיצונג אין פאָרם פון מתן בסתר. דער געזעלשאַפטלעכער הילפס־קאָמיטעט האָט אויס־געטיילט אין משך פון זיין טעטיקייט אייניקע מיליאָן רובל סובסידיעס.

ג) סאָציאַלע פאַרזאָרגונג.

דאָס איז געווען אַן אָפּטיילונג פון יידן־ראַט (אָנגעפירט דורכן אַדוואָקאַט סראָלאָוויטש). אירע מקורות פון הכנסות זיינען געווען : שטייערן, וואָס דער יידן־ראַט פלעגט נעמען פון די „געוועלבלעך" אין געטאָ און פאַר פאַרשיידענע דאָקומענטן, ווי אויך פון געפונענע סחורות אין די מאַלינעס. די סאָציאַלע פאַר־זאָרגונג פלעגט אונטערשטיצן די קאָנסולטאַציע פון קינדער, טאָג־היימען, „ילדים", "ילדות", געבן אומזיסטיקע מיטאָגן פאַר די נויטבאַדערפטיקע, אומ־זיסטיקע רפואות און באָד, העלפן אין דער פראַגע פון באַקליידונג (די דייטשן פלעגן אַריינשיקן אין געטאָ, צו דער אויפזיכט פון יידן־ראַט, אַ טייל פון די זאַכן פון די דערמאָרדעטע אויף פּאָנאַר . . .

ד) דער ווינטער־הילפס־קאָמיטעט.

דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט געזאַמלט בגדים אויפן ווינטער ביי די פאַר־מעגלעכע יידן אין געטאָ און האָט מיטגעהאָלפן אין אַ געוויסער מאָס לייכטער צו מאַכן די נויט אין מלבושים.

ה) פאָלקס־קיכן, דיעטעס און באַשפּייזונג פאַר זויגלינגע.

די פאָלקס־קיכן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אין געטאָ און ווו דער עולם

האָט באַקומען פאַר אַ ביליקן פּרייז (פון איין ביז דריי רובל) אַ טעלער זופּ און די אָרעמע — אומזיסט, אויף צעטלעך פון דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג) — האָבן אין אַ גרויסער מאָס מיטגעהאָלפן אין קאַמף קעגן הונגער. אין די פאָלקס־קיכן פלעגט מען קאָנען קריגן צוויי מאָל אַ טאָג אַ טעלער זופּ. צייטנ־ווייז אויך אין אָוונט — אַ קאַווע, פאַרזיסט מיט סאַכארין (פאַר פופציק גראָשן). דאָרט פלעגן אויך פאָרקומען געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע פאַראַנ־שטאַלטונגען. עס זיינען געווען אין געטאָ פינף פאָלקס־קיכן:

1) — אויף רודניצקאַ 6 — קיך פאַר יידן ראַט־אָנגעשטעלטע און משפּחות.

2) — אויף סטראַשון־גאַס, 2 — „די ציוניסטישע קיך",

3) — אויף רודניצקאַ נומער 7 — „די בונדישע קיך",

4) — אויף שאַוועלסקאַ 5 — כשרע קיך פאַר רעליגיעזע,

5) — אויף סטראַשון גאַס 12 — קיך פאַר קינדער.

מיט דער הילף פון דער באַשפייזונגס־אָפּטיילונג פלעגט די אַמבולאַטאָריע אַרויסגעבן פאַר שוואַך־קראַנקע, וועלכע האָבן זיך געגוויטיקט אין דיעטעטישן עסן, פון דרייסיק ביז זעכציק דיעטע־קאַרטלעך; פאַר טובערקולאָזע פלעגט דער אַנטי־ט. ב. צ־פונקט אויך אַרויסגעבן פון דרייסיק ביז זעכציק קאַרט־לעך אַ חודש; פאַר שוואַכע קינדער פלעגט דער שול־מעדיצינישער צענטער אַרויסגעבן פון הייסיק ביז הונדערט און צוואַנציק קאַרטלעך אַ חודש. אויף יעדער קאַרטל פלעגט מען קאָנען קריגן פאַר אַ גאַר קליינעם פּרייז אַ פערטל קילאָגראַם פּוטער, אַ פערטל קילאָ צוקער, אַ פערטל מעל און אַן אַנדערש מאָל אויך אַ האַלבן קילאָ גרויפּן.

די קינדער־קאָנסולטאַציע פלעגט אַרויסגעבן אויף ספּעציעלע קאַרטן באַ־שפּייזונג פאַר זויגלינגע און קליינע קינדער, אָפּהענגיק פון עלטער און געזונט־צושטאַנד. אויף די קאַרטן פלעגט מען קריגן אַ גלאָז מילך איין מאָל אַ טאָג אָדער איין מאָל אין עטלעכע טעג, אַ ביסל מעל, גרויפּן, צוקער, צייטנווייז — מאַרמעלאַד, האָניק, אייניקע צוקערקעס, מאַנע־גרויפּן.

ו) רעסטאָראַנען, קאַפעען, בעקערייען.

אַ רעסטאָראַן פאַר די, וואָס אַרבעטן אין די געטאָ־אַנשטאַלטן, האָט זיך געפונען אויף רודניצקאַ 13. דאָרטן האָט מען פאַרן פּרייז פון 25 רובל, — און אָפּגעבנדיק געוויסע טיקעטן פון דער שפּייז־קאַרטע, געקאָנט קריגן אַ מיטאָג פון אייניקע שפּייזן. דאָרטן איז אויך געווען אַ פּיאַנאָ, און ווער עס האָט געהאַט קענטעניש, האָט זיך געקאָנט דערלויבן שפּילן ביים עסן . . . דאָרטן פלעגן אויך פאָרקומען פאָרשטעלונגען און געטאָ־רעוויו־טעאַטער.

א געוויסע צאָל „פּריוואַטע" רעסטאָראַנען האָבן עקזיסטירט אין געטאָ, ווו געטאָ־גבירים און געטאָ־פּאָליציי האָבן זיך דערלויבט צו קריגן עסנווארג טייערע, אַריינגעשמוגלט מיט ריזיקאָ אין געטאָ.

קאַפע־הייזער פון יידן־ראַט האָבן עקזיסטירט אין עטלעכע פּונקטן פון געטאָ, ווו מען האָט געקאָנט טרינקען א גלאָז שוואַרצע ע־זאַץ־קאַווע פאַר פּופציק גראָשן אָדער איין רובל (אין די הייזער איז געווען זייער שווער צו מאַכן געקאָכט וואַסער).

בעקערייען האָבן עקזיסטירט אין געטאָ ל ע ג א ל ע (ווו מען האָט געבאַקן ברויט אויף די שפּייז־קאַרטן), און א ו מ ל ע ג א ל ע (ווו מען האָט געבאַקן ברויט פון מעל, אַריינגענבעטע און אַריינגעשמוגלטע). אין די בעקער־רייען פלעגן די פּ־ומע יידן שטעלן „טשאָלענטן" פרייטאָג־פאַרנאַכט. ערב־פּסח האָט מען געבאַקן מצות פון א געמיש פון קאָרענע און ווייצענע מעל. פּורים־צייט זיינען פאַר די שול־קינדער געבאַקן געוואָרן המן־טאַשן.

די פאָלקס־קיכן, רעסטאָראַנען, קאַפעען, בעקערייען זיינען געשטאַנען אונ־טער דער אויפזיכט פון דער סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג.

VI.

דער גע‏טאָ־שפּיטאָל

דער יידישער שפּיטאָל, וואָס האָט זיך אַמאָל אָנגערופן „דער הקדש“, האָט עקזיסטירט אין ווילנע אַן ערך הונדערט און פּעצ‏יק יאָר. ער איז געווען דער יידישער ווילנער פאָלקס־שפּיטאָל. דאָ פלעגן די יידישע דאָקטוירים רעדן מיט די קראַנקע אויף יידיש, סיי ביים רוסיש־צאַריזשן, סיי ביים פּוילישן, סיי ביים ליטווישן רעזשים. פּסח פלעגט איינגעאָרדנט ווערן אַ סדר פאַר די קראַנקע. חנוכּה און פּורים פלעגן געמאַכט ווערן יום־טובים פאַר די קינדער. דער שפּיטאָל איז פאַרן קריג צענדליקער יאָרן געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון באַקאַנטן יידישן מעדיצינער און שרייבער, דר. א. ווירשובסקי, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי וויסנשאַפטלעכע ווערק אויפן געביט פון דער יידישער פּסיכיאַטריע. (אין געטאָ איז דר. ווירשובסקי געלעגן אין שפּיטאָל אַן אַלטער און אָפּגעשוואַכטער, גאַנץ צוזאַמענגעבראָכן דורכן זעלבסטמאָרד פון זיין חבר, דעם אַלטן ווילנער באַקאַנטן דאָקטאָר גרשון גרשוני).

דער יידישער שפּיטאָל האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין לעבן פון געטאָ: דאָס איז געווען דער איינציקער אַנשטאַלט, וועלכער איז געבליבן נאָך פון די צייטן פון פאַרן געטאָ, — אַלע איבעריקע האָט מען געדאַרפט ערשט בויען, — אין געטאָ־שפּיטאָל האָט מען נאָר געדאַרפט ווייטער ציען די אַלטע טראַדיציע. מיט די פענסטער איז דער שפּיטאָל אַרויס אויף דער זאַוואַלנער גאַס — אויסער געטאָ. אָנגעפירט מיטן שפּיטאָל האָט פון אָנהייב — דר. בראָדסקי, שפּעטער — דר. סעדליס. עס זיינען אין אים געווען אָט די ווייטערדיקע אָפּטיילונגען: פרויען, פּסיכיאַטריע, קינדער, כירורגישע, אינערלעכע, אינפעקציעזע.

א) פרויען־אָפּטיילונג.

די פרויען־אָפּטיילונג האָט געהאַט אַ „ספּעציעלע“ אויפגאַבע, ווייל עס איז געווען אין געטאָ אַ פאַרבאָט צו געבוירן קינדער. שוואַנגערשאַפט האָט געדראָט מיט טויט. דאָך האָבן די דאָקטוירים ניט אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט די פאַראָרדנונג. שוואַנגערע פרויען פלעגן געהיים געבוירן קינדער אין יידישן שפּיטאָל. די קינדער פלעגן אויסבאַהאַלטן ווערן דורך די דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטערס אין ספּעציעלע צימערס — „מאַלינעס“. דאָרט פלעגט מען זיי געבן זויגן. אַז די זויגלינגע פלעגן אַ ביסל אונטערוואַקסן, פלעגט מען זיי פאַרשרייבן אַלס קינדער געבוירענע פאַרן אַריינקומען פון די דייטשן אין ווילנע. איינע

פון די ניי־געבוירענע קינדער אין געטאָ האָט מען אַ נאָמען געגעבן „מאַלינע" (קינד פון לערערין סטאָליצקא).

אַ סך פרויען האָבן דורכגעמאַכט אַבאָרטן אין ווילנער געטאָ־שפיטאָל, ווייל די שוואַנגערשאַפט האָט געשטערט צו דער אַרבעט, און ניט אַרבעטנדיק, האָט מען ניט געהאַט קיין לעבנס־שיין. עס איז אָבער געווען אַ גרויסע צאָל פרויען, וועלכע האָבן ניט געקוקט אויף דער טויט־סכנה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער שוואַנגערשאַפט : זיי האָבן געוואָלט "אויסטראָגן" דאָס קינד, כדי עס זאָל זיין אַ נאָמען און אַ זכרון נאָך דעם אומגעקומענעם מאַן אויף פּאָנאַר . . .

ב) פסיכיאַטרישע אָפּטיילונג.

אויפן שפיטאָל פלעגט זיך אָפּשפּיגלען די טראַגעדיע פון יידישן לעבן אין געטאָ, זיין נערוואָזיטעט און זיינע וואַריאַבלע שטימונגען. עס זיינען געווען צייטן, ווען דער עולם האָט זיך געשטופּט אַנצוקומען אין שפּיטאָל אַלס קראַנקער, מיט דער האָפנונג, דאָרט נ י ט געכאַפּט צו ווערן צו דער צוואַנגס־אַרבעט. עס זיינען אָבער אויך געווען צייטן, ווען די קראַנקע פלעגן מאַסנווייז פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, אויס מורא, אַז זיי וועלן צוגענומען ווערן אויף פּאָנאַר. אַזוי, למשל, האָט די געשטאַפּאָ „ליקווידירט" גלייך אין די ערשטע חדשים פון געטאָ, די פסי־כיאַטרישע אָפּטיילונג. די דייטשע מאַכט האָט דאַן צונויפגעזאַמלט אַלע פסי־כיש קראַנקע פון דער אומגעגנט אין יידישן שפּיטאָל. דער ס.ס.־מאַן שוויי־נענבערג איז געקומען אין געטאָ־שפּיטאָל, געוואָרפן זעמל־בולקעס פאַר די משוגעים און געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע, אַז דאָ איז זיי שלעכט, ער וועט זיי פירן אין אַ בעסערן אָרט, ווו מען וועט זיי געבן בעסער עסן. ער האָט זיי אריינ־געגאַרט אין אַן אויטאָ און זיי אָוועקגעפירט אויף פּאָנאַר . . . אין יענער צייט האָט אין געטאָ געשפּילט אַ ראָל פון אַ סאַניטאַרן משגיח איבערן געטאָ, נאָ־מינירט דורך דער געשטאַפּאָ, און אַ בעל־דעה איבער דעם יידן־ראַט, איינער אַ ייד ק אַ מ ב ע ר, וועגן וועלכן מען האָט געמורמלט, אַז ער איז ניט אינגאַנצן ביים זינען. שוויינענבערג האָט אים איינגעלאָדן צו באַגלייטן דעם טראַנספּאָרט משוגעים צו זייער נייעם „היילונגס"־אָרט. קאַמבער איז פון דער דאָזיקער רייזע שוין מער ניט צוריקגעקומען.

ג) קינדער־אָפּטיילונג.

אין די שווערע צייטן פון די „אַקציעס", פלעגן די עלטערן, וואָס האָבן ניט געהאַט די אַזוי גערופענע „לעבנס שיינען", איבערלאָזן זייערע קינדער אין שפּיטאָל. איז געלונגען די עלטערן דורך אַ נס אויסצובאַהאַלטן זיך, פלעגן זיי נאָך דער „אַקציע" קומען אין שפּיטאָל אָפּנעמען דאָס קינד. האָבן זיי אָבער געטיילט דעם טראַגישן גורל פון אַלע איבעריקע „שיינלאָזע" יידן, פלעגן זייע־רע קינדער איבערבלייבן אין שפּיטאָל, אין דער קינדער־אָפּטיילונג, ביז וואַנען זיי פלעגן אַריינגענומען ווערן אין די יתומים־הייזער אָדער אינטערנאַטן.

ד) כירורגישע אָפּטיילונג.

אין דער כירורגישער אָפּטיילונג זיינען, אַ חוץ די געוויינלעכע כירורגישע אָפּעראַציעס, אויך אָפט באַהאַנדלט געוואָרן אומגליקס־פאַלן ביי דער אַרבעט. אין דער כירורגישער אָפּטיילונג זיינען אויך געלעגן די איינצלנע פאַלן, ווען ניט צום־טויט־דערשאָסענע יידן האָבן זיך געראַטעוועט פון פּאָנאַר און באַקומען דאָרטן זייער מעדיצינישע הילף. איינע אַזאַ געראַטעוועטע פון פּאָנאַר, פרוי אַ ר אָ נ אָ וו י ט ש, וועלכע האָט פאַרן קריג געוווינט אין ווילנע אויף שאַ־וועלסקאַ 6, האָב איך איין־ניקע טעג פאַרן גיין אין געטאָ באַנדאַזשירט ביי מיר אין קאַבינעט, אויף נאָוואָגראָדער גאַס 64 (די נאָענטסטע געגנט צו פּאָנאַר). זי איז גענומען געוואָרן אַהין נאָך דער „פּראָוואָקאַציע־אַקציע", דעם 1־טן סעפּ־טעמבער 1941. מיט אַ דורכגעשאָסענער האַנט איז זי געלעגן אין אַ גרוב אויף פּאָנאַר, צווישן די מתים, און ביינאַכט איז איר געלונגען צו אַנטלויפן. אין איר שאָס־וואונד זיינען אַרומגעקראָכן מוראַשקעס. דאָס איז געווען דער ערשטער עדות פון פּאָנאַר, וואָס איך האָב געזען.

ה) אינערלעכע אָפּטיילונג.

אין דער אינערלעכער אָפּטיילונג זיינען געלעגן, ווי געוויינלעך, אַלע קראַנ־קע אויף האַ־רץ, מאָגן וכד'. עס האָבן זיך דאָרט אויך אויסבאַהאַלטן לערער, גע־זעלשאַפטלעכע טוער, וואָס זייער איינציקע קראַנקייט איז געווען אַלגעמיינע אָפּגעשוואַכטקייט און אומפעאיקייט צו פיזישער אַרבעט. צו דער אינערלעכער אָפּ־טיילונג האָט אויך געהערט אַ פּאַלאַטע פון טובערקולאָז־קראַנקע, וועלכע האָבן פיגורירט אונטער אַנדערע, ווייניקער געפערלעכע דיאַגנאָזן. צו איר האָט אויך געהערט אַ זאַל אויף שפּיטאָל־גאַס 9 פאַר כראָנישע און אומהיילבאַרע קראַנקע.

ו) אינפעקציעזע אָפּטיילונג.

די אינפעקציעזע אָפּטיילונג האָט געטראָגן דעם נאָמען „אָבסערוואַציע־אָפּ־טיילונג". קיין פלעק־טיפוס און בויך־טיפוס האָבן אין געטאָ נ י ט עקזיס־טירט . . . נאָר אַ „היץ־צושטאַנד" („סטאַטוס פעברילים"), — אַזוי איז גע־ווען דער אָפיציעלער דיאַגנאָז פאַר דער מאַכט. די פאַקטן פון אינפעקציעזע קראַנקייטן האָבן געמוזט אויסבאַהאַלטן ווערן פון די דייטשן, אויס מורא פאַר ט־אַגישע רעזולטאַטן. די טעמפּעראַטור־ליסטעס פלעגן ספּעציעל „פּרעפּאַרירט" ווערן אַזוי, אַז קיין פאַרדאַכט זאָל ניט אַנטשטיין.

ז) דאָקטוירים־פּערסאָנאַל.

אין שפּיטאָל האָבן געאַרבעט, אויף ווי ווייט איך דערמאָן זיך, אָט די דאָק־טוירים — אַנדערע סטאַביל, אַנדערע פּעריאָדיש :

ג י נ ע ק אָ ל אָ ג י ע — סעדליס, אַבראַמאָוויטש אַלעקסאַנדער.

כ י ר ו ר ג י ע — זאַלקינדסאָן סעניאָר, לידסקי אברהם, פּייסאכאָוויטש, טראַצקי פֿאַלק, קאָניובסקי אליהו און אַנטאָקאָלעץ.

א י נ ע ר ל ע כ ע — גערשאָוויטש משה, קאַפּלאַן אַלעקסאַנדער, שאַדאָווסקי רפאל, שאַליט עמיליא, וויינרעב אברהם, גאָלדמאַן.

ק י נ ד ע ר — לידסקא פּעסיא, יאַבראָוו, גערשגאָרן, אַלק־פּערגאַמענט ראָניא רעזניק נפתלי, רעזניק־לעווינסאָן נאַדיע, פּייגעלסאָן, פּערעוואָזקא.

אָ ט אָ ־ ל אַ ר י נ ג אָ ל אָ ג י ע

— ליבא, וואָלקאָוויסקי לעאָן, גראָדזענסקי דוד

א ו י ג ן — רוטשניק יצחק.

א ו ר אָ ל אָ ג י ע — כאַלעם עמנואל, פייגענבערג משה.

א י נ פ ע ק צ י ע — שומעליסקי.

נ ע א ו ר אָ ל אָ ג י ע — באַראַנאָווסקי לעאָן.

ר ע נ ט ג ע ן — מאַרגאָלים.

כ ע מ. ל אַ ב אָ ר אַ ט אָ ר י ע

— געלמאַן גדליה.

דייטשע קאָמיסיעס פֿלעגן אָפט קומען אין שפּיטאָל אויף רעוויזיעס. געוויסע קרייזן פֿון דער ווילנער שטאָטישער באַפעלקערונג (ניט דייטשן) זיינען געווען פֿאַראינטערעסירט צו שליסן דעם יידישן שפּיטאָל און צונעמען זיין אינווענטאַר און אינסטרומענטן פֿאַר געוויסע נ י ט ־ יידישע שפּיטעלער. דער יידישער געטאָ־שפּיטאָל אָבער איז געווען אַ מוסטער אין הינזיכט פֿון אָרדנונג און ריינקייט, אונטער דער לייטנדיקער האַנט פֿון ד״ר סעדלים. כ׳וויים ניט עד היום אַ דאַנק וועלכע סיבות איז דער שפּיטאָל געבליבן אין יידישע הענט ביז דער געטאָ־ליקווידאַציע.

VII.

אמבולאטאריע. גיכע הילף

א) אָפּטיילונגען.

גלייך אין ערשטן טאָג פון געטאָ האָבן זיך אַלע יידישע דאָקטוירים צונויפגעזאמלט אויף סטראַשונער גאַס 6 אין אַ קליין צימערל און געגרינדעט דעם אָנהייב פון דער ג ע ט אָ - אַ מ ב ו ל אַ ט אָ ר י ע, וועלכע האָט געגעבן מעדיצינישע הילף, די ערשטע חדשים אומזיסט, און שפּעטער — אויף מינימאַלע פּרייזן (3 רובל אַ וויזיט, ווען אַ קילאָ ברויט האָט געקאָסט 50 רובל). די איינקונפטן פון דער אַמבולאַטאָריע פלעגן אַוועקגיין אין דער קאַסע פון יידן-ראַט. שפּעטער האָט די אַמבולאַטאָריע פאַרנומען אַ גאַנצע ריי זאַלן אויף רודניצקאַ גאַס, מיט ספּעציעלע קאַבינעטן פאַר יעדער קראַנקייט. די דאָקטוירים האָבן אויך באַזוכט די געטאָ-קראַנקע אין דער היים. אַ גאַנצע ריי שוועסטער פלעגן אויספירן איינשפּריצונגען. דער לייטער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער אַמבולאַטאָריע איז געווען ד"ר קלמן ש אַ פּ י ר אָ. אין איר זיינען געווען אָט די אָפּטיילונגען: אינערלעכע, קינדער, פרויען, כירורגיע, נערוון, האַלז-נאָז-אויערן, הויט אויגן, רענטגען, כעמישע אַנאַליזן.

ביי דער אַמבולאַטאָריע איז געווען טעטיק די אַזוי גערופענע „ג י כ ע ה י ל ף". דאָרט האָבן דאָקטוירים דיזשורירט אַ גאַנצן מעת-לעת. אין אַלע דרינגענדיקע פאַלן פון אָנמאַכט, אַטאַקע, פאַרוווּנדונג, פלעגט מען קאָנען ארויסרופן גלייך, אָן צו פאַרשרייבן זיך אין דער ריי, דעם דאָקטאָר פון דער „גיכער הילף", וואָס פלעגט תיכף לויפן צום חולה. דער דאָזיקער דאָקטאָר האָט געהאַט רעכט צו גיין אין די גאַסן, אין די פאַרבאָטענע נאַכט-שעהן — פון 9 אין אָוונט, ביז 5 אין דער פרי — מיט אַ פאַרדונקלטן לאַמטערן אין דער האַנט. ער פלעגט טראָגן אַ ספּעציעל פרעפּאַרירטן מעדיקאַמענטן-קעסטל מיט אַ רויטן מגן-דוד און יידישער אויפשריפט: „גיכע הילף".

די לאַגע אין געטאָ פלעגט זיך אָפּשפּיגלען אויף דער דיאַגראַם פון די אַמבולאַטאָריע-באַזוכונגען: אין די טעג פון די „אַקציעס" פלעגט די צאָל ראַפּיד פאַלן, און דאַקעגן פלעגט שטייגן די צאָל אַרויסרופונגען פון דער „גיכער הילף" (געחלשטע, נערוון-אַטאַקן, פאַרוואונדעטע ביים באַהאַלטן זיך אין קעלערס און בוידעמער).

ב) דאָקטוירים-פּערסאָנאַל.

אין דער אַמבולאַטאָריע האָבן געאַרבעט (אַנדערע סטאַביל, אַנדערע פּעריאָדיש) אָט די דאָקטוירים:

א י נ ע ר ל ע כ ע ק ר אַ נ ק י י ט ן

— פּאָמע־אַנץ לייב, פּערעוואָזקי אַלעקסיי, שאַפּירא קלמן, בוראק מאַקס, ראָזענ־בליט אַלפרעד, בוזשאַנסקי לאַזאַר, קרזשעמיאַנסקי אבעל, דאַן גריגאָרי, קאָנטאָראָוויטש, קאָלאָדנער בער, דוואָרזשעצקי מאַרק.

אוראָלאָגיע — משה פייגענבערג.

קינדער קראַנקייטן

— פינקעלשטיין לאַזאַר, שאַבאַד־גאַוו־ראָנסקאַ, ברייטבאַרד מאַרקוס.

אָטאָ־לאַרינגאָלאָגיע

— ריווקינד לעאָ, ראַשקעס.

נעוראָלאָגיע — גענזעל יוליוס.

כירורגיע — לערמאַן אפרים, טראַצקי פּאָלק, לידסקי אברהם, פּייסאַכאָוויטש.

גינעקאָלאָגיע — פינגערהוט לעאָן, בוך רפאל.

אויגן — פרוי זאַלקינדסאָן, פרוי שיינקער, רעכעס.

דערמאַטאָלאָגיע

— פרוי כאַלעם, פרוי זעלדאָוויטש סאָפּיע, וואָלפּסאָן סעניאָר.

רענטגען — איוואַנטער לעאָן.

כעמישע אנאַליזן

— גאָרדאָן.

„גיכע הילף" — צוקערמאַן משה, זאַלקינדסאָן יוניאָר, בוזשאַנסקי לאַזאַר, פּערעוואָזקי אַלעקסיי, פריד חיים־הלל.

די אַמבולאַטאָריע איז געשטאַנען מעדיציניש אויף אַ הויכן ניוואָ. די ס.ס.־לייט שווײנענבערג און ווייס, וואָס אין זייערע הענט איז געלעגן דער גורל פון ווילנער געטאָ, און וואָס האָבן דירעגירט מיט די אַרויספירונגען אויף פּאָנאַר, פלעגן קומען זיך היילן אין דער געטאָ־אַמבולאַטאָריע, גלויבנדיק מער אין די מעדיצינישע קענטנישן פון געטאָ־דאָקטאָר איידער פון שטאָט־דאָקטאָר. אויך דער ליטווישער לייטער פון די יידישע ענינים אין ווילנע בוראַקאַס און זיין פרוי פלעגן זיך קומען היילן אין דער געטאָ־אַמבולאַטאָריע.

א וויכטיקע אויפגאַבע פון דער געטאָ־אַמבולאַטאָריע איז געווען דאָס אַרויס־געבן באַשטעטיקונגען אויף באַפרייען פון דער אַרבעט.

די אַרבעטס־קאָמאַנדאָס פלעגן ניט אָנערקענען קיין שום פּריוואַטע באַשטע־טיקונג פון א געטאָ־דאָקטאָר, נאָר אויסשליסלעך די אָפיציעלע באַשטעטיקונגען פון א ספּעציעלער קאָמיסיע פון דריי דאָקטוירים ביי דער אַמבולאַטאָריע, וועלכע פלעגט אונטערזוכן די אַרבעטס־פעאיקייט פון דער פערזאָן.

עס זיינען דורך דער אַמבולאַטאָריע איינגעשטעלט געוואָרן אָט די קאַטע־גאָריעס:

קאַטעגאָריע A — געזונט.

קאַטעגאָריע B — פעאיק צו אַלע אַרבעטן אויסער צו גאָר שווערע.

קאַטעגאָריע C — פעאיק נאָר צו לייכטע אַרבעטן.

קאַטעגאָריע D — פעאיק נאָר צו זיצנדיקער אַרבעט.

קאַטעגאָריע I — אינוואַליד.

יעדע קאַטעגאָריע האָט געהאַט נאָך אונטער־פונקטן:

א באַשטעטיקונג, למשל, אַז די געגעבענע פערזאָן איז cat. A (1D) האָט באַדייט:

„סטאַביל געהערט די פערזאָן צו קאַטעגאָריע A (געזונט). אויף צען צען טעג צייט, צוליב קראַנקייט — קאַטעגאָריע D (דאָס הייסט: קאָן טאָן נאָר זיצנדיקע אַרבעט.

דער געטאָ־איינוווינער פלעגט זיך שטענדיק שלאָגן מיט דער דעה: וואָס און וועלכע קאַטעגאָריע דאַרף ער וועלן קריגן.

בשעת אַן אַקציע איז פאָרויסצוזען, אַז קאַטעגאָריע A און B (גע־זונט . . .) זיינען בעסער. מער שאַנסן געראַטעוועט צו ווערן פון אַרויספירונג.

אין רואיקע צייטן אָבער, איז בעסער קאַטעגאָריע C. D. I. (קראַנק, שוואַך . . .) איז מען פּטור פון שווערער אַרבעט אָדער בכלל פון אַרבעט.

VIII.

אנדערע מעדיצינישע פארמאציעס

א) דאָקטוירים אין צווייטן געטאָ.

וועגן לעבן אין געטאָ נומ. 2 איז מיר אין אַלגעמיין ווייניקער באַקענט. דאָרטן האָט זיך געשאַפן אַן אַמבולאַטאָריע אין לאָקאַל פון דער געוועזענער סמ־אַ־שון־ביבליאָטעק. בראש פון דער אַמבולאַטאָריע איז געשטאַנען דר. וו. פּ אָ ט ־ ש ט ע ר. ביי דער ליקווידאַציע פון געטאָ נומ. 2 איז אַ טייל דאָקטוירים געלונגען צו ראַטעווען זיך און אַריבערגיין אין געטאָ נומ. 1. אַ טייל איז אַרויסגעפירט געוואָרן אויף פּאָנאַר. שפּעטער איז געלונגען אַריינצופירן אין ערשטן געטאָ אַריין מעדיקאַמענטן פון ליקווידירטן צווייטן געטאָ. ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָט אַ סך אויפגעטאָן פּ י נ ט ש ו ק.

ב) קאָמאַנדאָ־דאָקטוירים.

כמעט אַלע גרעסערע אַרבעטס־קאָמאַנדאָס, וועלכע האָבן געאַרבעט א ו י ס ע ר דעם געטאָ, האָבן געהאַט זייערע יידישע קאָמאַנדאָ־דאָקטוירים ("שטרעקן־אַרצט"). דער דאָקטאָר פלעגט אַרויסגיין אין דער פרי מיט דער קאָמאַנדאָ און פלעגט זיך צוריקקערן אין אָוונט, צוזאַמען מיט איר. זיין אויפגאַבע איז געווען: געבן גיכע הילף ביי אַרבעט־אומגליקספאַלן, אַכטונג געבן, עס זאָלן ניט זיין קיין לייזיקע און קרעציקע צווישן דער קאָמאַנדאָ, רעגולירן די טערמינען פון זייער גיין אין סאַניטאַרן דורכלאָז־פונקט, דורכפירן ביי זיי די נויטיקע אימפונגען, וכדומה.

צווישן די קאָמאַנדאָ־דאָקטוירים דערמאָן איך זיך: ד"ר דלוגי הירש, ד"ר קאַץ, ד"ר קאַץ זכריה, ד"ר ברייטבאַרדט שמחה, ד"ר עלטערמאַן, ד"ר שטיינהאַוער, ד"ר גודזעניאַצקי אבֿ־הם, ד"ר גיטל שלמה, ד"ר טראָצקי (יאַשפּאַנס איידעם).

ג) דאָקטוירים פון די יידישע אַרבעטער־בלאָקן „קייליס".

אויסערן געטאָ האָבן געוווינט אין צוויי בנינים אויף שעפּטיצקא גאַס די יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען באַשעפטיקט ביי פוטער־ און קירזשנעריי אַרבעט אין דער פירמע „קייליס". זיי האָבן געלעבט אין בעסערע דערנערונגס־באַדינגונגען און קלענערער ענגשאַפט ווי אין געטאָ. אָבער אויך זייערע בלאָקן אויסער דער שטאָט זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט דראָטן. אין די בלאָקן האָבן געאַרבעט די דאָקטוירים הלל פּ יי ג ו ס און לעאָ ב ו ר א ק. די שול־קינדער פון די „קייליס"־בלאָקן זיינען געווען אונטער דער אויפזיכט פון

שול־מעדיציניש צענטער אין געטאָ. אין „קיילים" האָבן עקזיסטירט שול־אַנשטאַלטן, און איך פלעג קומען אַהין פון געטאָ אונטערזוכן די קינדער. די רעצעפטן פאַר קראַנקע פון „קיילים" פלעגן געמאַכט ווערן אין געטאָ־שפּיטאָל. אין „קיילים" איז קיין באָד נישט געווען. פלעגן די דאָרטיקע אַרבעטער געפירט ווערן אין באַשטימטע טערמינען אין געשלאָסענע פּאַרטיעס אין געטאָ, צום סאַניטאַרן דורכלאָז־פּונקט.

ד) דאָקטוירים אין לאַגערן הינטער ווילנע.

הינטער ווילנע האָבן עקזיסטירט אייניקע לאַגערן, ווו יידן האָבן געאַרבעט ביי טאָרף אָדער וואַלד־אַרבעט: „ר ע ש א", „ב י א ל א ו א ק א", „ס אָ ר אָ ק ט אַ ט א ר אָ ו". דער יידנראַט פלעגט אַהין אַרויסשיקן דאָקטוירים, בכדי אַכטונג צו געבן אויפן מעדיציניש מצב פון די לאַגערן. צווישן זיי דערמאָן איך זיך: כאַנאָוויטש שמעון, גאָרדאָנאָוויטש, לערמאַן אפרים, בוזשאַנסקי לאַזאַר, שטיינמאַן.

ה) דאָקטאָר פון געטאָ־פּאָליציי.

אַלס דאָקטאָר פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי (היילן די פּאָליציסטן, פעסטשטעלונגען פון טויט), — איז געווען טעטיק ד"ר יאַשפּאַן.

IX.

מעדיצינישער פערסאנאל

א) דענטיסטן.

ביי דער אַמבולאַטאָריע האָט עקזיסטירט אַ דענטיסטישער קאַבינעט. די אינסטרומענטן זיינען אויפגעמאָנטירט געוואָרן פון שטיקלעך, געפינענע אין פאַרלאָזענע דענטיסטישע קאַבינעטן. עס איז געווען אַ מאַנגל אין דענטיסטיש־טעכנישע מאַטעריאַלן אויף פּלאָמבעס און, פאַרשטענדלעך, אויף קראָנקעס. פון צאָן־קראַנקייטן האָט מען נישט געקאָנט באַפרייט ווערן פון גיין צו דער אַרבעט. פלעגט מען זייער אַ סך רייסן ציינער. פון דענטיסטן (אַרצטן און טעכניקער) דערמאָן איך זיך: בלאָך, (באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער טוער), נאַדעלמאַן (לייטער פון דער דענטיסטישער אָפּטיילונג אין געטאָ, געווען אַמאָל טעטיק אין „אָזע"), קולקעס (מאַן און פרוי) דאָנסקאָי, פרוי סווערדלין, פרוי בלאָך, כאַרמאַץ, סטאָקלישעסקי, רעכעס און קאַץ.

איינקע דענטיסטן האָבן געהאַט „פריוואַטע" קאַבינעטן, ד. ה. ווינקלען, וווּ זיי פלעגן ביי זיך אין דער היים רייסן ציינער ביי די צוריקומענדיקע אַרבעטער — פאַרן פרייז פון ברויט, קאַרטאָפל אָדער עטלעכע צענדליק רובל.

אויף רודניצקא 6 האָט עקזיסטירט אַ צאָן־טעכנישע לאַבאָראַטאָריע, וווּ עס פלעגן אויסגעפירט ווערן צאָן־טעכנישע אַרבעטן ווי: קינסטלעכע ציין, פּראָטעזן, קראָנקעס פון פאַרשיידענע פרימיטיווע סובסטאַנצן.

ב) פעלדשערס.

די ערשטע צייט פון געטאָ זיינען געווען עטלעכע עלטערע ווילנער פעלדשערס: קאַפּלאַן, וואָלאָזשינסקי, בלאָפאַרב, ביילין. זיי פלעגן גיין שטעלן באַנקעס, מאַכן איינשפּריצונגען און לעוואַטיון. שפּעטער פלעג איך טרעפן אין געטאָ נאָר דעם פעלדשער פון ייִדישן שפּיטאָל — ש ע ר. די איבעריקע האָבן אַלס עלטערע מענטשן ניט באַקומען קיין לעבנס־שיינען, און מען האָט זיי אָפּגעפירט אויף פּאָנאַר . . . פעלדשער ביילין איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין אַמבולאַטאָריע, אין דערוואַרטונג, אַז מען זאָל אים קומען נעמען ביי אַן „אַקציע".

ג) סאַניטאַרן, סאַניטאַרינס.

אין געטאָ האָט זיך אויסגעפאָרמירט אַ שיכט פון יונגע מענטשן, וועלכע האָבן אַלס סאַניטאַרן און סאַניטאַרינס, געאַרבעט ביי פאַרשיידענע פיזישע הילפס־מעדיצינישע אַרבעטן, ביי דעזינסעקציע און דעזינפעקציע און ביים באַ־

דינען קראַנקע אין שפּיטאָל. צוליב געוויסע געטאָ־באַדינגונגען, כּדי צו באַקומען שיינען, האָבן אַ גאַנצע ריי דאָקטוירים געאַרבעט, און געווען אויך פאַרשריבן אַלס סאַניטאַרן.

ד) קראַנקנשוועסטער

אין ווילנער געטאָ איז געווען אַ גרעסערע צאָל קראַנקנשוועסטער, ווייל אין ווילנע האָט זייט לאַנגע יאָרן עקזיסטירט אַ יידישע קראַנקנשוועסטער־שול „אָזע". זיי האָבן געאַרבעט אין שפּיטאָל־אַמבולאַטאָריע, „גיכע הילף", סאַני־טאַר־עפּידעמיאָלאָגישע אָפּטיילונג, קינדער־אויפזיכט און שול־מעדיצינישן צענטער. זיי האָבן געהאָלפן גרינגערן, בויען און טראָגן די לאַסט פון אַלע אַנשטאַלטן. דעם ע־שטן טאָג פון געטאָ האָבן אַלע קראַנקנשוועסטער זיך פריי־וויליק געשטעלט צו דער אַרבעט. ווען עס איז אויפגעקומען די פראַגע פון די געלע „לעבנס־שיינען", איז אויפן גורל פון די קראַנקנשוועסטער אויסגעפאַלן זייער ווייניק שיינען. אַ סך פון זיי זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אויף פּאָנאַר, אַ סך זיינען אויסבאַהאַלטן געוואָרן אין די מאַלינעס, אַ טייל האָבן די דאָקטוי־רים צוגעשריבן צו זיך אַלס פרויען, און דערמיט האָבן זיי געראַטעוועט פון מאַנס לעבנס־שיין.

די קראַנקנשוועסטער האָבן מיט גרויס אחריות און אָפּט מיט מסירת נפש אויסגעפירט זייערע שווערע אַרבעטן אין געטאָ. אין אַ גרויסער מאָס איז געלונגען, אַ דאַנק זייער אַקטיווקייט, צו באַקעמפן די פאַרלייזונג און שמוץ אין געטאָ, ווי אויך דאָס פירן די היגיענישע אויפקלערונגס־אַרבעט פון שטוב צו שטוב. אַ סך ליבע און צערטלעכקייט האָבן זיי אַרויסגעוויזן צו די קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער זייער אויפזיכט.

מיט אַ שטאַרקער אַקטיווקייט האָט זיך אויסגעצייכנט די קראַנקנשוועס־טער פון שול־מעדיצינישן צענטער, שפרה טייטעל־גרענאַדיר, ביי אַ גאַנצער ריי סאַניטאַרע אַרבעטן. די קראַנקנשוועסטער תמרה (שניידערמאַן), אַ חלוצה, איז געווען פון די ערשטע פרויען, וועלכע זיינען געפאָרן אין שליחות פון דער אונ־טערערדישער באַוועגונג פון געטאָ־ווילנע צו געטאָ־וואַרשע, און איז העלדיש אומגעקומען ביי די ווידע־שטאַנדס־קאַמפן אין פּוילן. איר חבר, מרדכי טענענ־בוים־טאַמאַראָוו, איז געפאַלן, אָנפירנדיק מיטן געטאָ־אויפשטאַנד אין ביאַליס־טאָק. די קראַנקנשוועסטער פון יידישן שפּיטאָל, בעלאַ חזן (פּסעוודאָנים: קריסיאַ קאָסאָווסקאַ) איז געפאָרן אין שליחות פון דער חלוצישער אונטער־ער־דישער באַוועגונג פון די געטאָס ווילנע, גראָדנע, ביאַליסטאָק און וואַרשע, איז אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשעווער תפיסה "פּאַוויאַק" און אַרויסגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ. די קראַנקנשוועסטער כּיענע באַראָווסקאַ (אַ קאָמוניס־טין) איז געווען טעטיק אין געזעלשאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט און ביי דער אָרגאַניזירונג פון דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג.

X.

רפואות. אפטייק

אין געטאָ האָט זיך געשפירט אַ גרויסער מאַנגל אין עלעמענטאַרישע רפואות. עס איז געווען פאַרבאָטן מצד דער דייטשער מאַכט, פאַר די א ר י ש ע אַפּטייקן צו מאַכן רעצעפּטן פאַר יידישע קראַנקע, אָדער אַפילו פאַר א ר י ש ע קראַנקע אויף אַן אונטערשריפט פון אַ יידישן דאָקטאָר. אין לעבנס־דראָענדיקע קראַנקייטן, ווען עס פלעגט אויספעלן למשל, דיפטעריט־סערום פאַר אַ שטאַרבענדיק קינד, פלעגן די יידישע מאַמעס ר זיקירן מיטן לעבן, אַראָפּוואַרפן די לאַטעס, אַריינלויפן אין אַ קריסטלעכער אַפּטייק, מיט אַ רעצעפּט, אונטערגעשריבן מיט אַן אויסגעטראַכטן, פאַלשן נאָמען פון אַ דאָקטאָר, אַ נאָמען וואָס קלינגט ניט יידיש. אייניקע קריסטלעכע אַפּטייקן פלעגן זיך מאַכן ניט ווויסנדיק און אַרויסגעבן די נויטיקע רפואות אויף די פאַלסיפיצירטע רעצעפּטן.

מיר איז באַקאַנט אַ פאַל מיט אַ יונגען מאַן, רובינשטיין, וועלכער האָט געוווינט אויף סטראַשונער גאַס 15. ער האָט זיך אַרויסגעגנבעט אומלעגאַל, אָן דער לאַטע, אין דער נאָענטסטער אַפּטייק צום געטאָ (געוו. סאַפּאָזשניקס אַפּטייק), בכדי צו קריגן אַ רפואה פאַר זיין שוועסטער, וואָס איז קראַנק געוואָרן אויף פלעק־טיפוס. אַרויסגייענדיק פון אַפּטייק מיט דער רפואה אין דער האַנט, איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער געשטאַפּאָ פאַרן גיין אָן אַ לאַטע און איז מער שוין ניט צוריקגעקומען.

אין די ערשטע טעג פון געטאָ זיינען די דאָקטוירים געגאַנגען איבער די בוידעמער, פאַרלאָזענע צימערן פון חורבות־ראַיאָן און צונויפגעזאַמלט איבערגעלאָזענע פלעשלעך יאָד, וואַלעריאַן־טראָפּנס, טאַבלעטן, וואַטע, באַנדאַזשן, מאַדלע. אַ גאַנצע ריי דאָקטוירים, ווי אויך סתם יידן, האָבן געגעבן וואָלאָנטעריש, אַלס מתנה זייערע מעדיצינישע פּרעפּאַראַטן, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט אין געטאָ, און מען האָט אָנגעהויבן אויסצוטיילן אומזיסט רפואות פאַר קראַנקע. שפּעטער איז די אַפּטייק פון שפּיטאָל, וואָס האָט שטענדיק באַדינט נאָר די שפּיטאָל־קראַנקע, געוואָרן די אַפּטייק פון גאַנצן געטאָ.

מיט פאַרשיידענע איינפאַלן און קאָמבינאַציעס פלעגן געקויפט ווערן אויסערן געטאָ מעדיקאַמענטן און געבראַכט ווערן אין געטאָ. דערביי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט שטאַרקער איניציאַטיוו דער אַפּטייקער טשעסלי (געשטאָרבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער). נאָך שפּעטער האָט אַ גאַנצע ריי יידישע אַרבעטער אָנגעהויבן צו ג נ ב ע נ ע ן מעדיקאַמענטן אין די אַפּטייקן פון „דייטשן רויטן קרייץ” אָדער קריגס־לאַזאַרעטן (ווו זיי האָבן געאַרבעט ביי פאַרשיידענע

פיזישע ארבעטן, ווי : האקן האלץ, וואשן, רוימען וכד.) זיי פלעגן „די גנבה" ברענגען אין געטא אריין און אפגעבן אין געטא־אפטייק — אנדערע אומזיסט, און אנדערע אויף פרייזן פון „שווארצן מארק" !

אין געטא איז געווען א „שווארץ־האנדל" מיט מעדיקאמענטן. מענטשן, וועלכע פלעגן פיזיקירן, גנבענען ביי די דייטשן אדער אויף אן אנדער אופן אריינ־ברענגען מעדיקאמענטן אין געטא, פלעגן נעמען פאר זיי א גרויסע פרייז, באזונ־דערס אויף פאטענטירטע מיטלען, ווי למשל : פראנטאזיל און סע־רום קעגן דיפ־טעריט. פאר איין אמפולע סערום אדער פראנטאזיל פלעגט מען נעמען אן ערך 300 רובל, ד. ה. דעם ווערט פון 7-8 קילא ברויט ! טראץ דעם איז שטענדיק גע־ווען א מאנגל אין מעדיקאמענטן. דעריבער פלעגט דער שפיטאל ארויסגעבן פאר א חולה נאר צו 6 פראשקעס אויף איין מאל, און נאר 100 גראם מיקסטור ; און ערשט נאך א נייער אונטערשריפט פון אמבולאטאריע־דאקטאר — א צווייטע, דיזעלבע דאזע רפואות. די רעצעפטן, א־ויסגעגעבענע פון געטא־אפטייק, פלעגן קאסטן נאר עטלעכע רובל. ארעמע און אומפארמעגלעכע פלעגן באקומען די רפואות אומזיסט דורך דעם געזעלשאפטלעכן הילפס־קאמיטעט פון געטא אדער דורך דער סאציאלער פארזארגונג ביים יידן־ראט.

XI.

געטאָ־מעדיקאַמענטן און פּרעפּאַראַטן

א) וויטאַמינען־לאַבאָראַטאָריע.

עס איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט פאַרן געטאָ, אַליין צו פּראָדוצירן היילמיטלען. לויט דער איניציאַטיוו פון באַקאַנטן ווילנער אינטערניסט, ד״ר ג י ר ש אָ ו י ט ש *) האָט מען אין געטאָ אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן אין גרעסערע צאָלן וויטאַמין „ב״־פּרעפּאַראַטן פון ביר־הייוון, אין דער פאָרם פון:

1) וויטאַמינען־ק ר ע ם, וואָס לאָזט זיך שמירן אויף ברויט.
2) וויטאַמינען־ג ע ט ר אַ נ ק מיט אַ ביר־טעם.
3) אַ געזיסטן וויטאַמינען־געטראַנק, ספּעציעל פאַר קינדער.

די וויטאַמינען פלעגן פּראָדוצירט ווערן, אין אַ ספּעציעלער וויטאַמינען־ל אַ ב אָ ר אַ ט אָ ר י ע, פון ביר־הייוון, זייערע ביי־אויסאַרבעטונגען און פּראָדוקציע־אָפּפאַלן, וועלכע פלעגן אויף פאַרשיידענע לעגאַלע און אומלעגאַלע אופנים אָפּגעקויפט ווערן אין דער אַרישער ביר־פאַבריק „שאָפּען״ אין ווילנע. די אָבסערוואַציעס אין דער קינדער־אויפזיכט־אָפּטיילונג און שול־מעדיציניש צענטער, האָבן באַוויזן, אַז די געטאָ־וויטאַמינען „ב״, האָבן געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פאַר די קראַנקע אויף פורונקלען און אַנדערע הויט־אויסשיטונגען. עס זיינען אויך געמאַכט געוואָרן פּרוון צו פּראָדוצירן וויטאַמינען „ד״.

דורך פאַרברענען ביינער פון פערדיש פלייש און צערייבן זיי אין אַ ספּעציעלע שטייסלען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָדוקציע פון קאַלציום און פאָספאָר, וואָס פלעגן געגעבן ווערן ספּעציעל פאַר קינדער אין ריינער פאָרם, אָדער געמישט צוזאַמען מיט אַ פּולווער פון דעם אויבנדערמאָנטן וויטאַמין „ב״. מוטער און קינדער האָבן עס אַ נאָמען געגעבן „געטאָ־פאָספאַטין״.

ג) אַנדערע פּרעפּאַראַטן.

אין געטאָ איז פּראָדוצירט געוואָרן קוילן־פּולווער (קאַרבאָן), אַ ספּעציעלער יאָד־פּרעפּאַראַט — „סאָל־די־יאָד״ — בשעת דער קינדער־סטרומאַ־עפּידעמיע, ווי אויך גרעסערע קוואַנטומס פּאַרטיקע סטאַנדאַריזירטע מישונגען פון

---

*) דר. גירשאָוויטש איז געשטאָרבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קלאָאָגאַ, עסטלאַנד.

אַנטי־נעוראַלגישע, אַנטי־פּירעטישע, אַנטי־רעוומאַטישע, אַנטי־נערוועזע, אַנטי־דאַלאָרעזע מעדיקאַמענטן ובדומה, אין ספּעציעל פּאָרמולירטע דאָזעס. נומ. 1, 2, 3, — לויט זייער שטאַרקייט, בכדי מען זאָל פאַר יעדן פּאַציענט נישט דאַרפן צוגרייטן קיין מעדיקאַמענט, נאָר ער זאָל דאָס קאָנען באַקומען גלייך פאַרטיק.

ד) „קאַפּטורן".

אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַרבאַט צו שוואַנגערן אין געטאָ, האָט מען, לויטן פּראָיעקט פון באַקאַנטן גינעקאָלאָג ד"ר פ י נ ג ע ר ה ו ט (באַגאַנגען שפּעטער זעלבסטמאָרד אין קאָנצענטראַציע־לאַגער ערעדאַ, עסטאָניע), אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן (פון אַ ספּעציעלער מאַסע) „קאַפּטורן" אויפן העלזל פון דער געבערמוטער, בכדי צו פאַרהיטן די פרוי פון שוואַנגערשאַפט.

ה) מעדיצינישע אינסטרומענטן.

יעדער דאָקטאָר האָט, גייענדיק אין געטאָ, מיט זיך מיטגענומען דאָס נויטיקסטע פון זיינע אינסטרומענטן, ווי אַ געהער אַפּאַראַט, שפּריצן, נאָדלען. אין געטאָ גופא איז געפונען געוואָרן אַ ביסל אינסטרומענטן אין די חרובע הייזער. אויך אין געטאָ־שפּיטאָל איז איבערגעבליבן אַ ביסל מעדיצינישע מכשירים. פונדעסטוועגן איז דאָס אַלץ געווען צו ווייניק. די טעכנישע ווארשטאַטן, אונטער דער ליטונג פון אינזשעניער מאַרקוס, האָבן אויסגעאַרבעט און צוזאַמענגעשטעלט פון שטיקלעך: מעדיצינישע וואָגשאָלן, זויגלינגס־וואָגשאָלן, סטעריליזאַטאָרן, וויר־אַפּאַראַטן, אויטאָקלאַוון, אינסטרומענטן צו לאָזן דאַמף אין האַלז, אָפּעראַציע־סקאַלפּעלן, אָרטאָפּעדישע טיילן וכד.

ו) כעמישע לאַבאָראַטאָריע.

אין געטאָ איז געווען טעטיק אַ כעמישע לאַבאָראַטאָריע, וועלכע האָט פּראָדוצירט אַ וואַש־מיטל פאַר וועש (געמאַכט פון אַש), קראָכמאַל (פון קאַרטאָפל), זייף (פון פערד־ביינער) און פליגן־פּאַפּיר. צווישן אַנדערע איז דאָרטן געווען באַשעפטיקט ד"ר גיטעלסאָן שמעון.

קינדער-אויפזיכט

דאָס קינד אין געטאָ איז געווען אַ פּראָבלעם פון זאָרג און ליבע פאַר אַלע געטאָ-איינוווינער. ניט קענענדיק פאַרהיטן די זקנים פון אומקום, האָט זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויפן קינד: זאָל כאָטש דאָס קינד קאָנען דערלעבן בעסערע צייטן!

א) קינדער-קאָנסולטאַציע.

מיט דער אויפזיכט אויף קינדער — ב י ז ן שול-עלטער האָט אָנגעפירט די געוועזענע „אָזע"-טוערין פון ווילנע, ד"ר שאַבאַד-גאַווראָנסקאַ, ביי דער אַקטיווער מיטהילף פון קאָוונער באַקאַנטן אָ ז ע - טוער, ד"ר לאַזאַר פּ י נ ק ע ל ש ט י י ן.

אין דער קינדער-קאָנסולטאַציע זיינען געווען פאַרשריבן אַ ל ע קינדער ביז זיבן יאָר. זיי האָבן דאָרט געהאַט אַ ספּעציעלע קאַרטע, לויט וועלכער מען פלעגט באַקומען פּראָדוקטן און מילך, אָפּהענגיק פון עלטער און געזונט-צושטאַנד. דאָ פלעגט מען שטעלן די קינדער פּאָקן, באַשטראַלן מיט קוואַרץ-לאָמפּן, דורכפירן אַנטי-דיפטערישע איינשפּריצונגען, פּעריאָדיש וועגן און אונטערזוכן. אין דער אַרבעט האָבן זיך אויך באַטייליקט ד"ר אַלק-פּערגאַמענט און ד"ר פייגעלסאָן.

ב) יתומים-אינטערנאַט.

ביים דערמאָנטן קינדער-אויפזיכט-צענטער האָט עקזיסטירט אויף שפּיטאָל-גאַס אַן אינטערנאַט פאַר יתומים, וואָס זייערע עלטערן זיינען אומגעקומען אויף פאָנאַר. די קינדער זיינען צונויפגענומען געוואָרן פון יידישן שפּיטאָל, אָדער פון פאַרלאָזענע הייזער, נאָך די „אַקציעס". קינדער-שאָטנס, לעבעדיקע מצבות פון דער דייטשער גרויזאַמקייט, האָבן דאָרט געהאַט זייער היים, זאָרגפולן אומגאַנג, פאַרהעלטניסמעסיק גוטע שפּייזונג און מעדיצינישע הילף.

נאָכן איבערמאָנטירן דעם אינטערנאַט, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ בנין פון אַ צעחרובטן בית-המדרש איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פייערונג פאַר די יתומים. אין פּראָגראַם: דערציילונגען פון די קינדער, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט.

ג) טאָג-היים.

פאַר די קליינע קינדער, וואָס זייערע עלטערן פלעגן מוזן אַוועקגיין אויף

דער אַרבעט אין די דייטשע קאָמאַנדאָס, איבערלאָזנדיק זיי אויף הפקר, אָן אויפ־זיכט, אין טומל פון געטאָ — איז געשאַפן געוואָרן אַ טאָג־היים אויף סטראַשונער גאַס, וווּ די קינדער פלעגן באַקומען זייער עסן, אויפזיכט, מעדיציניש קאָנטראָל און שפּילן זיך ביזן צוריקקומען פון די עלטערן.

ד) קינדער־קיך.

ביים קינדער־אויפזיכט־צענטער איז געווען טעטיק אויך אַ קינדער־קיך, וווּ עס פלעגן קומען טעגלעך עסן, אונטער דער אויפזיכט פון די לערערס עטלעכע הונדערט קינדער, איבערהויפט פון די גאָר אומפאַרמעגלעכע עלטערן.

ה) מילך־פונקט.

ביים קינדער־אויפזיכט־צענטער האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעלער פונקט, וווּ עס פלעגט פאַרטיילט ווערן מילך פאַר די קליינע קינדער. ביי די שווערע לעבנס־באַדינגונגען אין געטאָ און מאַנגל אין פּראָדוקטן, איז די מילך פאַר די קינדער געווען פון אויסערסט וויכטיקער באַדייטונג. ביים אַריינפירן די מילך אין געטאָ אויף פאַרשיידענע אומלעגאַלע וועגן, האָט די ד"ר שאַבאַד־גאַוואָנסקאַ אַרויס־געוויזן אַ סך ענערגיע און איניציאַטיוו, ווי אויך בכלל אין אַ גאַנצע ריי פראַגן פון אָרגאַניזירן דעם געזונטהייטס־וועזן אין געטאָ.

ו) מוטער־באַראַטונגס־שטעלע.

ביים קינדער־אויפזיכט צענטער האָט עקזיסטירט אַ מוטער־באַראַטונגס־שטעלע, וווּ עס פלעגן געגעבן ווערן עצות פאַר מוטערס אין אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע שוואַנגערשאַפט און מוטערשאַפט.

XIII.

לערן-און פאַך-אַנשטאַלטן פאַר קינדער: „ילדים“, „ילדות“.

לויט דער איניציאַטיוו פון לערער משה אַ ל י צ ק י און ביי דער אַקטיוער מיטאַרבעט פון די לערערינס מרים ב ע ר נ ש ט יי ן און ר ח ל ברוידא, גוטגעשטאַלט, ווי אויך פון די לערערס און לערערינס ישראל דימענטמאַן, לעאַ בערנשטיין, ד״ר פעלדשטיין, טורבאָוויטש, לייקין, אַפּעסקין, ל. שעפּטעל, בושעל גדליה, קאַבאַטשניק און אַ סך אַנדערע — זיינען געגרינדעט געוואָרן אין געטאָ אַ גאַנצע ריי לער-אַנשטאַלטן: 3 פאָלקס-שולן: אויף שאַוועלסקאַ 2, סטראַשונער 12, דייטשע 94, — יעדע איינע מיט אַ קינדער-גאָרטן, ווי אויך גימנאַזיאַלע קורסן, וועלכע האָבן, אַלע צוזאַמען, געציילט ביי אַ דריי טויזנט קינדער. עס האָבן אויך עקזיסטירט צוויי רעליגיעזע פאָלקס-שולן (חדרים) און אַ ישיבה קטנה, אין די בנינים פון די בתי-מדרשים. בכדי אויסצולערנען די קינדער אַ פאַך, זיינען אין געטאָ געווען טעטיק טעכנישע קורסן, אונטער דער לייטונג פון אינזשעניער שרייבער, געוועזענעם דירעקטאָר פון יידישן אָ ר ט-טעכניקום אין ווילנע. אין לעצטן האַלבן יאָר פון געטאָ איז געווען אַ טענדענץ צו באַשעפטיקן וואָס מער קינדער אויף פאַרשיידענע מלאכות, בכדי צו באַווייזן זייער וויכטיקייט פאַרן דייטשן „אַרבעטס-איינזאַץ“ און געבן זיי דערמיט „לעבנס-מעגלעכקייטן“: עס זיינען געשאַפן געוואָרן שניידער-וואַרשטאַטן, וואָליקעס-שטרוי-שטריקעריי, שטיינגיסעריי, בוכבינדעריי און אַלגעמיינע טעכנישע וואַרשטאַטן.

אַ גאַנצע ריי עלטערע קינדער פון צען ביז פופצן יאָר האָבן פאַרלוירן אין די טראַגישע געטאָ-באַדינגונגען זייערע עלטערן און זיך געפונען פלוצלינג אויף דער גאַס, אָנגעוויזן אויף „אייגענע“ פאַרדינסטן („בעזפּריזאָרניקי“). עס האָבן זיך פון זיי געשאַפן געוואַגטע גנבים-גרופּעס, וועלכע פלעגן דורכפירן ריזיקאַלע „אונטערנעמונגען“ אין, און אויסערן געטאָ. זיי זיינען שפּעטער אָרגאַניזירט געוואָרן, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון דעם אַדוואָקאַט מושקאַט, אין אַ קינדער-אַרטעל „טראַנספּאָרט-בריגאַדע י ל ד י ם“, וועלכע פלעגן פירן אין געטאָ אויף ספּעציעלע וועגעלעך משאות פון האָלץ, ברעטער, בענק, בגדים, פּעק וכד. דאָס איז געווען אַ שטורמיש-פרייליכע בריגאַדע, וואָס פלעגט מיט אירע געשרייען און מיטן געזאַנג „מיר קומען אָן“ פאַרהילכן דעם געטאָ.

עס האָבן אויך עקזיסטירט: אַן אינטערנאַט „ילדים“ אויף סטראַשון גאַס 4, וווּ עס האָבן געוווינט און געלערנט פאַרשיידענע האַנטווערקערייען יתומים-

ייִנגלעך אין שול־עלטער ; און אַן אינטערנאַט „ילדות“, וווּ עס האָבן געוווינט און געלערנט זיך — דערהויפּט שניידעריי, יתומות אין שול־עלטער.

די טעטיקייט פון די אויבנדערמאָנטע לער־אַנשטאַלטן, פאַך־שולן, ווי אויך קינדער־אינסטיטוציעס „ילדים“ ו„ילדות“, זייערע אָונטן, פאַראַנשטאַלטונגען, וואַנט־צייטונגען, אויסשטעלונגען וכד. — דאָס אַלץ איז אַ באַזונדער ברייטער און כאַראַקטעריסטישער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון געטאָ־ירושלים דליטא.

XIV.

שול־מעדיצינישער צענטער

א) אויפזיכט אויף דער יוגנט אין שול־עלטער.

די סאניטאר־היגיענישע אויפזיכט איבער דער יוגנט אין שול־עלטער פון זיבן ביז זעכצן יאר, האט געהאט דער שול־מעדיצינישער צענטער. זיין טעטיקייטס־שטח האט ארומגענומען די אנשטאלטן:

1) פאלקסשול נומער 1
2) פאלקסשול נומער 2
3) פאלקסשול נומער 3
4) קינדערגארטן נומער 1
5) קינדערגארטן נומער 2
6) קינדערגארטן נומער 3
7) גימנאז.־קורסן
8) טעכנישע קורסן
9) רעליגיעזע שול נומער 1
10) רעליגיעזע שול נומער 2
11) ישיבה קטנה
12) טראנספארט־בריגאדע „ילדים"
13) אינטערנאט „ילדות"
14) אינטענאט „ילדים"

שפעטער ווען עס זיינען געשאפן געווארן אין געטא קינדער־ווא־שטאטן, האבן זיך, אונטער דער אויפזיכט פון שול־מעדיצינישן צענטער אויך געפונען די

1) טעכנישע ווארשטאטן
2) בוכבינדעריי־ווארשטאטן
3) שניידעריי־ווארשטאטן
4) וואליקעס־ווארשטאטן
5) שטיינגיסעריי־ווארשטאטן
6) שטרוי־שטריקעריי־ווארשטאטן

געטא-ווילנע

שול-מעד. צענטער

באוואכט דאס געזונט פון דער לערנדער און ארבעטנדער יוגנט אין געטא

אין אלגעמיין זיינען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון שול־מעדיצינישן צענטער איבער דריי טויזנט קינדער אין שול־עלטער. דער לייטער פון שול־מעדיצינישן צענטער איז געווען דער מחבר פון די שורות.

ב) טעטיקייט־צילן און סיסטעם.

די אויפגאַבן פון שול־מעדיצינישן צענטער איז באַשטאַנען אין : איבערוואַכן דאָס געזונט פון דער שול־יוגנט און פאַרהיטן אין די ספּעציפישע געטאָ־מעגלעכקייטן פון אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. יעדעס קינד פאַרן אָנקומען אין אַ וועלכן ניט איז לערן־ אָדער פאַך־אַנשטאַלט, פלעגט מוזן פריער אונטערזוכט ווערן דורכן שול־מעדיצינישן דאָקטאָר, צי האָט עס ניט קיין אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן (הויט־קראַנקייטן, סקאַביעס, פורונקלען, טראַכאָם) עווענטועל, צי איז עס ניט קיין טרעגער פון לייז און לייז־ניסלעך. קיין קינד איז ניט אָנגענומען געוואָרן אין קיין שום לערן־ אָדער פאַך־אַנשטאַלט אָן אַ שריפטלעכער דערלויבעניש פון שול־מעדיצינישן צענטער. בכדי אַזאַ דערלויבעניש צו באַקומען, האָט דאָס קינד געמוזט זיין פולקום ריין (קערפּער, געזיכט, אויערן און א. וו.), געבאָדן אין סאַניטאַרן דורכלאָז־פונקט, — יונגלעך — נעט געשוירן, מיידלעך — קורץ געשוירן, אָן לייז און אָן ניסלעך ווי אויך קיין שום סימנים פון וועלכע ס'ניט איז אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן.

די קינדער, וואָס פלעגן זיך נויטיקן אין טעראַפּיע, פלעגן אָפּגעשיקט ווערן אין געטאָ־אַמבולאַטאָריע אָדער אין געטאָ־שפּיטאָל. אין דער אַרבעט פון שול־מעדיצינישן צענטער האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן : דר. עפּשטיין לאַזאַר, דר. שאַבאַד־גאַוראָנסקאַ, דר. פינקעלשטיין לאַזאַר, דר. קאַלאָדנער, דר. בערנשטיין, ווי אויך די קראַנקנשוועסטערס — טייטל, קיילסאָן און ביליסבערג.

די שול־שוועסטערס פלעגן סאַניטאַריש טעגלעך אונטערזוכן די קינדער, קלאַס נאָך קלאַס, און ביי יעדן פאַרדעכטיקן פאַל איבערשיקן צום קאָנטראָל אין שול־מעדיצינישן צענטער. יעדעס קינד פלעגט אונטערזוכט ווערן אין שול מינימום איין מאָל אין וואָך דורכן פערסאָנאַל פון שול־מעדיצינישן צענטער. חוץ דעם, פלעגן די קינדער יעדע פאָר חדשים געפירט ווערן אין שול־מעדיצינישן צענטער דורך זייערע לערערס, גרופּנווייז צום אַלגעמיינעם מעדיצינישן קאָנטראָל פון שול־מעדיצינישן דאָקטאָר.

אַ קינד, וואָס פלעגט זיבן טעג ניט באַזוכן אַן אַנשטאַלט, האָט געמוזט ווידער דורכגיין אין שול־מעדיצינישן צענטער אַ נייע אונטערזוכונג און מיטברענגען אַ שריפטלעכע דערלויבניש.

פאַרן אָנקומען אויף טעכנישע אַרבעטן אָדער וואַרשטאַטן, פלעגט דאָס קינד מוזן ברענגען פון שול־מעדיצינישן צענטער אַ קוואַליפיקאַציע־באַשטעטיקונג, צו וועלכן פאַך עס קאָן אָנגענומען ווערן. למשל, שמידעריי (גרעסערע אָנשטרענגונג), עלעקטראָטעכניק (לייכטערע אַרבעט).

ג) צוגאַב־דערנערונג. מילך. וויטאַמינען־B

שוואַכערע קינדער פלעגן באַקומען (פריער 30, שפּעטער 120 קינדער א חודש) א צוגאַב־דערנערונג פון א פערטל קילאָ צוקער, א פערטל פוטער, א פערטל גרויפּן, א האַלב קילאָ ווייסע מעל.

עס איז געלונגען אויף אומלעגאַלע וועגן אַריינצופירן (בעת דער צווייטער תקופה פון געטאָ) מילך פאַר שוואַכע קינדער, אַזוי אַז יעדעס שוואַכע שול־קינד האָט געקאָנט באַקומען איין גלאָז מילך טעגלעך. שפּעטער, אין די לעצטע געטאָ־חדשים, זומער 1943, איז געלונגען צו שאַפן פאַר יעדן שול־קינד אין געטאָ, אָן אויסנאַם, צו איין גלאָז מילך טעגלעך. ביי די גרויסע היצן פלעגט פאַר־טיילט ווערן זויערמילך און צוואַרעך.

יעדעס קינד, וואָס איז געווען קראַנק אויף הויט־אויסשיטונגען, פורונקלען אָדער איז געווען אַלגעמיין אָפּגעשוואַכט, פלעגט באַקומען אין שול־מעדיצינישן צענטער פערצן טעג אומזיסט א גלאָז וויטאַמינען־ב־געטראַנק מיט צוקער.

ד) קאַמף קעגן לייז, דיפטעריט, סקאַרלאַטין, סקאַביעס, טובערקולאָז, בויך־טיפוס.

דאָס צוואַנגסמעסיקע שערן די קינדער, הן פאַר באַזוכן די שול־אַנ־שטאַלטן, הן פּעריאָדיש בשעתן באַזוכן די שול־אַנשטאַלטן, האָט געבראַכט צו א שטאַרקער ריינקייט פון די קינדער. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער שול־מע־דיצינישע טעטיקייט, האָט די צאָל פאַרלייזיקטע קינדער אויסגעמאַכט 80 פּראָצ. אין משך פון אייניקע חדשים איז די צאָל אַראָפּגעפאַלן ביז 4 פּראָצ., און שפּע־טער האָט זי זיך געהאַלטן אויפן ניוואָ פון 1 — 1,5. פּראָצ.

די שול־קינדער אין געטאָ זיינען געווען באַדייטנדיק ווייניקער פאַרלייזיקט און פאַרניסלט און אויך באַדייטנדיק ריינער, ווי די שול־קינדער אין די ווילנער פאָלקס־שולן פאַר געטאָ.

ביי דער ענגשאַפט פון געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן ביי די קינדער אַן עפּידע־מיע פון דיפטעריט. די קראַנקע זענען תיכף איזאָלירט געוואָרן און אָפּ־געשיקט געוואָרן אין שפּיטאָל. די שולן זענען געשלאָסן געוואָרן. די קינדער איז געמאַכט געוואָרן אַן אַנטי־דיפטעריטישע איינשפּריצונג. די דיפטעריט־נעסטן האָבן זיך געפונען אונטער א שטענדיקער אָבסערוואַציע פון שול־מעדיציני׳שן צענטער.

ביים אויסברוך פון דער סקאַרלאַטין־עפּידעמיע זיינען אַלע קינדער־שולן געשלאָסן געוואָרן. די קינדער — איזאָלירט אין שפּיטאָל. די וווי־נונגען דעזינפעקצירט, און אין יעדער וווינונג, וווּ עס איז געווען א פאַל פון סקאַרלאַטין, זיינען אַלע איבעריקע קינדער געווען אונטער א טעגלעכער אויפזיכט אין משך פון אייניקע וואָכן.

צוליב די ספּעציפֿישע געטאָ־באַדינגונגען האָט זיך באַוויזן אַ גרעסערע צאָל סקאַביעס־פֿאַלן ביי די קינדער אין געטאָ. אין ערשטן חודש פֿון דער שול־מעדיצי־נישער טעטיקייט איז ביי די קינדער פֿאַרנאָטירט געוואָרן 120 פֿאַלן סקאַביעס. אַלע קינדער זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אויף קוראַציע אין אַנטי־סקאַביעס־פּונקט, און אין משך פֿון אַ קורצער צייט, איז אַראָפּגעפֿאַלן די צאָל קינדער־סקאַביעס ביז 1-2-3 פֿאַלן אַ חודש.

אַלע קינדער, פֿאַרדעכטיקטע אויף טובערקולאָזע פּראָצעסן זיינען געפֿירט גע־וואָרן צו רענטגען־דורכלויכטונגען און פּירקעט־פּראָבע. ביי די יעניקע, וואָס ביי זיי זיינען פֿעסטגעשטעלט געוואָרן אַקטיווע טובערקולאָזע פּראָצעסן, זיינען זיי אָפּ־געשיקט געוואָרן אויף אָבסערוואַציע אין אַנטי־ט. ב. צ. דיספּאַנסער אָדער אויף היילונג אין שפּיטאָל.

בכדי צו פֿאַרהיטן זומער די קינדער פֿון בויך־טיפֿוס, פּאַראַ־טיפֿוס און דיר־זענטעריע, זיינען די קינדער געאימפֿט געוואָרן מיט טעטראַ־איינשפּריצונגען.

ה) וואַלד־שפּאַצירן.

זומער 1942 זיינען דערלויבט געוואָרן דורך דער דייטשער מאַכט קינדער־שפּאַצירונגען אין וואַלד זאַקרעט (אויסערן געטאָ). זיי פֿלעגן פֿאַרקומען אונטער דער אויפֿזיכט פֿון לערערס און קראַנקנשוועסטער. דאָס שפּאַצירן פֿלעגט אַרויס־רופֿן אַ גוואַלדיקן ענטוזיאַזם ביי די קינדער. די עלטערן פֿלעגן שטיין ביים טויער און וואַרטן ביז וואַנען די קינדער וועלן צוריקקומען. זומער 1943 זיינען אַזעלכע שפּאַצירונגען שוין מער ניט פֿאָרגעקומען: מען האָט דאַן דערוואַרט, אַז עס זאָל פֿאָרקומען „קינדער־אַרויספֿירונגען" . . .

ו) פֿאַרטראַגן פֿאַר קינדער און עלטערן.

ביי יעדן פֿאַל פֿון אַן עפּידעמיע אין געטאָ, שליסונג פֿון שולן, אימפֿונגען — פֿלעגן געהאַלטן ווערן דורך אונדז פֿאַרטראַגן פֿאַר די עלטערן און קינדער. די קינדער פֿלעגן גערופֿן ווערן צו פֿרייוויליקע איינשפּריצונגען, בכדי דערמיט צו מאַכן זיך ווידערשטאַנדספֿעאיק קעגן קראַנקייטן און קאָנען דערלעבן בעסערע צייטן! דאַן פֿלעגט פֿאָרקומען אַן אָפּשטימונג: ווער פֿון די קינדער וויל זיך פֿרייוויליק אימפֿן, און ווער נישט? אין רעזולטאַט פֿלעגט זיין אַ הונדערט־פּראָצענטיקע פֿרייוויליקייט: אַ ל ע קינדער ווילן אַ ל ץ טאָן, בכדי צו קאָנען דערלעבן . .

ז) די פֿאָרשטעלונג: „זיי אַ צוכט"!

בכדי צו פּראָפּאַגירן דעם געדאַנק פֿון היגיענע און ריינקייט צווישן די קינ־דער, האָבן די לערער איינגעאָרדנט אַ קינדער־פֿאָרשטעלונג, אונטערן נאָמען: „זיי אַ צוכט"! (זיי אַ ריינער!), מיט לידער, מוזיק און אַ באַלעט פֿון האַנטוך, בערשטל פֿון ציין, בערשטל פֿון זאַכן, זייפֿעלע „דופּטיקן" און שערל פֿון נעגל!

ח) אַ קינדער יום־טוב אין שול־מעדיצינישן צענטער.

צום יאָרטאָג פֿון דער עקזיסטענץ פֿון שול־מעדיצינישן צענטער, איז איינ־

געאָרדנט געוואָרן אַ קינדער יום־טוב. מען האָט געטיילט די קינדער זיסע וויטאַ־מינען־געטראַנק, געהאַלטן פאַר זיי פאַרטראַגן וועגן ריינקייטס־פראַגן. די קינדער האָבן צוגעגרייט אייגענע טאַבעלן און בילדער, פאַרגעלייענט זעלבסטשאַפונגען.

זעענדיק אין שול־מעדיציניש צענטער אַן המשך פון אַמאָליקן „ט אַ ז"־אַזע, האָבן די קינדער געזונגען דאָס ליד פון דער „טאַז"־קאָלאָניע אין ווילנע: "אין קאָלאָניע ט אַ ז — אויפן גרינעם גראָז — מאַמע, ס'איז געווען אַ מחיה!" און געוואונטשן זיך צו דערלעבן צו זיין ווייטע־ אין זומער־קאָלאָניעס אויף דער פריי.

ט) די קינדער און דער שול־מעדיצינישער צענטער.

די קינדער פלעגן אָפט קומען אין שול־מעדיציניש צענטער, בכדי פאַרצו־לייענען זייערע לידער (צווישן זיי — אַ זייער באַגאַבטער יונגער דיכטער פון אַ יאָר 12 — ב אָ מ ס. לעבט ער ווו ?), אַנדערע — אויסצודערציילן זייערע צ־רות. דער שול־מעדיצינישער צענטער פלעגט אינטערווענירן אין הילפס־קאָמי־טעט, ביי דער סאָציאַלער פאַרזאָרגונג און קריגן פאַר די אומפאַרמעגלעכע קינדער — שיך, קלומפּעס, בגדים.

צווישן די קינדער פון די רעליגיעזע שולן אין געטאָ זיינען געווען אַ סך זייע־ אָפּגעשוואַכטע, וועלכע האָבן בשום אופן נישט געוואָלט עסן דאָס געטאָ־פלייש (פון פערד). די מלמדים פלעגן צושיקן אין שול־מעדיציניש צענטער די שוואַכע קינדער צו אונטערזוכונג, און זיי פלעגן באַקומען אַ מעדיציניש צעטל צום רבין, אַז ביז דער און דער דאַטע מ ע ג ן זיי עסן דאָס געטאָ־פלייש. דאַן פלעגן די מלמדים באַווירקן די קינדער אויסצופירן די מעדיצינישע פאַראָרדנונג.

די קינדער פון דער טעכנישער שול פלעגן מאַכן דיאַגראַמען פון דער אַרבעט פון שול־מעדיציניש צענטער און באַפוצן דערמיט זיינע ווענט. איינע פון די דאָזיקע דיאַגראַמען, פון דעם קינד צפנת ווערט דאָ רעפּראָדוצירט.

איין מאָל האָט דער לע־ער פון צייכנען אין דער פאָלקס־שול נומער איינס, אַ־ויסגעגעבן אַן אויפגאַבע פאַר די קינדער איסצומאָלן אין צייכנונגען און קאַ־ריקאַטורן די טעטיקייט פון שול־מעדיציניש צענטער. עס האָט זיך דאַן אָנ־געקליבן אַ גאַנצע זאַמלונג זייער אינטערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע קינדע־־בילדער און קאַריקאַטורן, דער עיקר, געווידמעט די אימפונגען, די צוואַנגסמעסיקע האָרשערונגען, דעם וויטאַמינען־געטראַנק, די סטרומאַ־אונטער־זוכונגען און די באַליבטע וואַלד־שפּאַצירן. אַ סך קינדער האָבן זייערע בילדער באַצירט מיט לידער.; דאָס שרייבן לידער און דאָס אויסשרייען די געפילן — איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג ביי די קינדער אין געטאָ.

XV.

די עפּידעמישע קינדער־סטרומא.

א) סטאַטיסטיק.

אין געטאָ האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ מאַסן־דערשיינונג פון פאַרגרעסערטע שילד־דריזן (היפּערטראָפיאַ גלאַנדולע טירעאָדעע) **Hypertrophia Gł. Thyrrhoideae**. די דאָזיקע דערשיינונג איז גלייכצייטיק נאָטירט געוואָרן הן ביי קינדער ביז זיבן יאָר און הן ביי קינדער אין שול־עלטער. די דערשיינונג האָט אָנגענומען אַ פאָרם פון אַן עפּידעמיע. בכדי איינצופירן אַ סיסטעמאַטיק און מעטאָדע ביים אונטערזוכן די קינדער אויף סטרומא, האָבן מיר איינגעפירט אין שול־מעדיציניש צענטער אָט די נאָמענקלאַטור :

1) S_0 — ווען ביי קיין שום מעטאָד פון אונטערזוכונג איז נישט פעסט־צושטעלן אַ פאַרגרעסערונג פון די שילד־דריזן.

2) S_1 — עס ווערט אָנגעטאַפּט אַ שילד־דריז־פאַרגרעסערונג, ווען מען הייסט דאָס קינד אויפהויבן דעם קאָפּ און אַראָפּשלינגען שפּייעכץ אָדער וואַסער.

3) S_2 — אַ סטרומא, וואָס לאָזט זיך מערקן אויך אָן אויפהויבן דעם קאָפּ און אָן וואַסער שלינגען.

4) S_3 — אַ שטאַרק אומנאָרמאַל פאַרגרעסערטע דריז.

S_{D1} S_{D2} S_{D3} — האָבן געהייסן די סטרומאַס, ספּעציעל פאַרגרעסערט אויף רעכטס.

S_{G1} S_{G2} S_{G3} האָבן געהייסן די סטרומאַס, ספּעציעל פאַרגרעסערט אויף לינקס.

אין ווינטער 1942־1943 איז די סטרומאַ־עפּידעמיע דערגאַנגען ביי דער שול־יוגנט צו אַ מדרגה פון

$$25\% — S_0$$

$$75\% — S_1 + S_2 + S_3$$

דאָס הייסט, אַז פינף און זיבעציק פּראָצענט קינדער אין שול־עלטער האָבן געהאַט סטרומאַ־קראַנקייט. די סטרומאַ־אָנגעגריפענע קינדער האָבן זיך געטיילט,

לויט זייער גראַדאַציע — אויף ווי ווייט איך דערמאָן זיך — לויט פאָלגנדיקע פּראָצענטן :

$60\% - S_1$ $32,5\% - S_2$ $7,5\% - S_3$

עס זיינען פאַרנאָטירט געוואָרן זייער אַ סך פאַלן פון S d און כמעט גאָרניט פון S g די איבערוויגנדיקע מערהייט סטרומעס איז געווען סטרומאַ־דיפוזום פּאַרענכימאַטאָזום Struma diffusum parenchymatosum און נאָר זייער אַ קליינער טייל — סטרומאַ נאָדאָזום. Struma nodosum

אַ פּאַראַלעל שטייגערנדיקע סטרומאַ־עפּידעמיע האָט זיך אויך באַוויזן ביי די גאָר קליינע קינדער פון איין יאָר ביז זיבן.

ב) די וויסנשאַפטלעכע דיסקוסיע וועגן דער קינדער־סטרומאַ.

וואָס איז געווען די סיבה פון דער קינדער־סטרומע אין געטאָ? — אויף דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך אַנטוויקלט אַ זייער ברייטע דיסקוסיע אין די מעדיצינישע קרייזן.

דר. לאַזאַר פּינקעלשטיין איז אַרויס מיט דער טעזע : „די סטרומאַ־עפּידעמיע אין געטאָ איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַ יאָד־מאַנגל ביי די קינדער, אַלס פועל־יוצא פונעם פעלן די געהעריקע כמותן יאָד אין דער געטאָ־דערנערונג" (פעלן פון פיש, גרינסן וכד.). צוזאַמען דערמיט האָט דר. פּינקעלשטיין פאָרגעשלאָגן איינצופירן אַן אַלגעמיינע יאָד־צוואַנגס־פּראָפילאַקטיק און טעראַפּיע ביי אַלע קינדער, וועלכע געפינען זיך אונטערן קאָנטראָל, הן פון דער קינדער־אויפזיכט און הן פון שול־מעדיצינישן צענטער. די יאָד־פּראָפילאַקטיק און טעראַפּיע זאָל געגעבן ווערן אין די שולן בשעת די לימודים אָבליגאַטאָריש.

די טעזע פון דעם שרייבער פון די שורות איז געווען : „די סיבה פון דער קינדער־סטרומאַ אין געטאָ איז נאָך נישט קלאָר באַקאַנט : עס זיינען נאָטירט געוואָרן פאַלן פון פאַרגרעסערטע סטרומאַס ביי יידישע קינדער, וועלכע האָבן זיך גוט דערנערט און אויסבאַהאַלטן זיך אין די וועלדער ביי קריסטן. עס זיינען אויך דאָ געניע ידיעות, אַז ביי קריסטלעכע קינדער אויסער געטאָ, איז אויך פאַרצייכנט געוואָרן אַ גרעסערע צאָל סטרומאַס. די סטרומאַס קאָנען זיך דעריבער אָנרופן נישט נאָר „סטרומאַ געטיקאַ" נאָר „סטרומאַ בעליקאַ" (מלחמה־סטרומאַ), זי קאָן זיין אַרויסגערופן דורך פּסיכישע מאָמענטן (מלחמה־איבערלעבונגען), סאַניטאַרע באַדינגונגען (שטויב־רייצונגען) און האָרמאָנאַלע סיבות. מען מוז צוטרעטן צו דער פּראָפּאַפּילאַקטיק און טעראַפּיע מיט גרויסער פּאָרזיכט, בעיקר ביי דעם לאַביל אָרגאַניזם פון די געטאָ־קינדער, און ספּעציעל אין דער רייפקייטס־תקופה פון דער געטאָ־יוגנט (וועלכע האָט זיך מאַניפעסטירט אין געטאָ פריער ווי נאָרמאַל).

ג) קינדער־סטרומאַ־קאָמיסיע.

עס איז אַנטשטאַנען אַ קאָמיסיע צו פאָרשן די פּראָבלעמען פון דער

קינדער־סטרומא אין געטאָ, און די אופנים פון איר פּראָפילאַקטיק און טעראַפּיע. דער צוזאַמענשטעל פון דער קאָמיסיע איז געווען: ד״ר. לאַזאַר פינקעלשטיין, דר. שאבאד־גאווראנסקא, דר. לידסקא, דר. ברייטבאַרט, דר. בראָדסקי, דר. דוואָרזשעצקי. בשעת די פאָרשונגען איז אַנטשטאַנען אויך דער געדאַנק, אַז די סיבה פון דער סטרומא אין ווילנע זאָל זיין אַרויסגערופן געוואָרן דורכן מאַנגל פון יאָד אין דער ווילנער קאַנאַליזאַציע־סיסטעם. הארט פאַר דער דייטשער אָקופּאַציע איז אויסגעבראָכן אין ווילנע אַ „גאַסטראָ־ענטעראָ־קאָליטישע" עפּידעמיע (מאָגן־ און דאַרם־אַנטצינדונגס־עפּידעמיע), און די וואַסערן זענען כלאָרירט געוואָרן, בכדי צו פאַרניכטן די מיקראָבן. דער כלאָר, פאַר־בינדנדיק זיך מיטן יאָד פון די וואַסערן, האָט געקאָנט אָרעם מאַכן דאָס וואַסער פון ווילנע אין יאָד — און, אַזוי אַרום, ברענגען צו דער סטרומא־עפּידעמיע.

ד) דער צוריקפאַל פון דער קינדער־סטרומא־עפּידעמיע.

אין רעזולטאַט פון די פאָרשונגען און פּראָבן, האָבן אַ טייל קינדער אין געטאָ אָנגעהויבן צו באַקומען מילך מיט יאָד־טראָפּנס „סאַל־די־יאָד". אַן אַנדערע גרופּע האָט באַקומען נאָר גרינס און פישעלעך. אַ דריטער גרופּע איז גאָרנישט געגעבן געוואָרן, נאָר מען האָט דערמעגלעכט די קינדער צו געניסן וואָס מער זון און לופט. עס איז אָנגעקומען דער זומער 1943, און די סטרומא האָט אָנגע־הויבן שנעל צו פאַרקלענערן זיך און פאַרשווינדן ביי א ל ע גרופּן קינדער: הן ביי די, וועלכע האָבן באַקומען יאָד, והן ביי די, וועלכע האָבן יאָד נישט באַ־קומען, נאָר פישעלעך און אַ סך גרינסן — והן ביי די, וואָס זייער איינציקער שינוי אין לעבן איז געווען: מ ע ר זון און לופט!

די ווירקלעכע סיבה פונעם אַנטשטיין און צוריקפאַל פון דער קינדער־סטרומא אין ווילנער געטאָ איז געבליבן אומקלאָר. עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט עס צו פאַרגלייכן מיט אָבסערוואַציעס פון דאָקטוירים, איבערגעבליבענע פון די אַנדערע געטאָס אין פּוילן און ליטע.

XVI.

ספאָרט אין ווילנער געטאָ

א) ספּאָרט־קלוב.

אין ווילנער געטאָ האָט זיך אָרגאַניזירט אַ ספּאָרט־קלוב פון דער יוגנט. דער לייטער פון ספּאָרט־קלוב איז געווען יאשאַ גאַטליב, אַ געוועזענער אַקטיווער טוער אין ווילנער יידישן אַקאַדעמישן ספּאָרט־קלוב. אויפן טויער פון יידן־ראַט, אויף רודניצקער גאַס 6, פלעגט הענגען יעדע וואָך אַ רשימה פון די טורן־שעהן. די איבונגען פלעגן פאָרקומען ווינטערצייט אין געוועזענעם זאַל פון דער רעאַל־גימנאַזיע, און זומער — אויף אַ ספּעציעלן ספּאָרט־פּלאַץ אויף סטראַשון גאַס 6. די דערעפענונג פון ספּאָרט־פּלאַץ איז פאָרגעקומען ביי אַ גרויסער פייערונג מיט אַ ספּאָרט יום־טוב. דער יידישער געטאָ־קאָמענדאַנט, יעקב גענס און דר. מילקאַנאָוויצקי, אַלס פאָרשטייער פון געזונטהייטס־אַמט, האָבן געהאַלטן פייערלעכע רעדעס. עס זענען אויך פאָרגעקומען אויפנאַמען פון די פאַרזאַמלטע און פון דער ספּאָרטלער־יוגנט. דער ספּאָרט־קלוב פלעגט איינאָרדנען אַפטערע ספּאָרט־יום־טובים און מעטשן צווישן אייניקע קאָמאַנדאָס, צווישן וועלכע איך דערמאָן זיך: „קיילים־איינהייט", „ה. ק. פ.־איינהייט" און „געטאָ־פּאָליציי־איינהייט". די אַמייסטן געאיבטע ספּאָרט־צווייגן זענען געווען: לייכט־אַטלעטיק, באַסקעט־באַל, פוטבאָל, באָקס. אויפן ספּאָרט־פּלאַץ פלעגן די קינדער טורנען אונטער דער אויפזיכט פון זייערע לערערס. אַלס לערער פון גימנאַסטיק אין די געטאָ־שולן, דערמאָן איך מיך די נעמען: גלעזער און גליאָט.

ב) געטאָ־אָלימפּיאַדע.

עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ געטאָ־אָלימפּיאַדע מיט אַ גאַסן־לויף פון מענער־גרופּן און פרויען־גרופּן. די לויף־שטרעקע איז געווען פון ספּאָרט־פּלאַץ, סטראַשונער 6, ביזן הויף פון יידן־ראַט, רודניצקא 6, און צוריק. אויפן וועג זיינען געווען אויסגעשטעלט שטאַפעטן מיט ספּעציעלע פאָנען. די יידישע געטאָ־פּאָליציי האָט אָפּגעהאַלטן די באַוועגונג אין געטאָ, בכדי צו דערמעגלעכן דעם געלויף.

די בעסטע לויפער האָבן באַקומען פּרעמיעס. די טראַטואַרן פון געטאָ זיינען געווען איבערפולט מיט יידן, וועלכע זיינען אַרויס זען, ווי די „יוגנט וויל זיך פאַרגעסן". אין דער לופט האָבן געהאָנגען די שווערע כמאַרעס פון די אָנקומענדיקע אַרויספירונגען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין עסטלאַנד.

די פענצטער פון די קריסטלעכע גאַסן, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דעם געטאָ, זיינען געווען איבערפולט מיט קריסטן, וועלכע האָבן פאַרחידושט געקוקט אויף דער געטאָ־אָלימפּיאַדע, ווי אויף אַן אומדערקלערלעכער דערשיינונג, ווי אויף אַ „סעודה אין צייט פון אַ מגפה" . . .



דר' צמח שאבאד

דר׳ יעקב וויגאדסקי

XVII.

די יידישע דאקטוירים אין געזעלשאפטלעכן לעבן

א) ד"ר יעקב ווינאַדסקי.

ווי אַ לעגענדע האָט געקלונגען אין ווילנער געטאָ דער נאָמען פון יידישן פאָלקס-דאָקטאָר, געוועזענער פאָרזיצער פון ווילנער יידישער קהלה, דר. יעקב ווינאַדסקי.

ער איז שוין אַלט געווען 86 יאָר, ווען די דייטשן זיינען אריין אין ווילנע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די יידן-פאַרפאָלגונגען, דאָס כאַפּעניש און פאַרשווינדן פון די יידן. טריי זיין לעבנס-וועג — מוטיק צו פאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן און דעם יידישן כבוד — איז ער אַוועק צו דער דייטשער מאַכט פּראָטעסטירן קעגן די עוולות און פאָדערן גערעכטיקייט. ער איז צעשלאָגן און אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון די טרעפּ, שפּעטער ארעסטירט געוואָרן פון די ס. ס. און אומגעקומען אין דער לוקישער תפיסה. די יידן, וואָס זיינען ארויס פון דער תפיסה, האָבן דערציילט, אַז דר. יעקב ווינאַדסקי האָט זיי געמוטיקט די גאַנצע צייט און האָט זיי גערופן צו פאַרניכטן אַלע געלטער און קאָסט-באַרקייטן, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך, בכדי דאָס זאָל אין פאַל פון אומקום, נישט אריינפאַלן אין די דייטשע הענט.

דר. יעקב ווינאַדסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1855, געענדיקט מעדיקאָ-כירורגיע אין פּעטערסבורג, אין יאָר 1884 זיך באַזעצט אין ווילנע, אין 1908 געוואָרן דער ערשטער פאָרזיצער פון ווילנער יידישן דאָקטוירים-קרייז, וואָס ער איז געווען איינער פון זיינע גרינדער.

אין יאָר 1917, אין דער צייט פון דער ערשטער דייטשער אָקופּאַציע אין ווילנע, איז דר. ווינאַדסקי פאַרשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער פאַר פּראָטעסטירן קעגן די דייטשע גזירות אויף די יידן. ווען מען האָט אים געפירט אַן ארעסטירטן, האָט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אים באַגלייט צו דער באַן, אויס-דריקנדיק אים אירע סימפּאַטיעס אַלס פאַרטיידיקער פון יידישע רעכט.

צוריקקומענדיק 1918 פון לאַגער, ווערט דר. ווינאַדסקי דער אָנפירער פון יידנטום אין ירושלים דליטא, פאָרזיצער פון ווילנער קהלה, מיטגליד פון ווילנער שטאָט-ראַט, פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווילנער יידישער דעפּוטאַט אין סיים. ער פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי מעמואַרן-ביכער: „אין

שטורם" (זכרונות פון די דייטשע אָקופּאַציע־יאָרן), „אין גיהינום" (זכרונות פון די דייטשע געפאַנגען־לאַגערס).

דר. ווייגאָדסקי איז געווען די באַליבטסטע פּערזאָן ביי די ווילנער יידן. די אָרעמע סטראַגאָן־הענדלער, די יידישע פישערקעס, די בעלי־מלאכות, האַנט־ווערקער און קליינהענדלער, די יידישע סטודענטנשאַפט — אַלע האָבן אין אים געהאַט זייער אומדערמידלעכן פּאַרטיידיקער קעגן די נגישות פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן. מען האָט אים אָנגערופן „ד ע ר פ אָ ט ע ר פ ו ן ד ע ר י י ד י ש ע ר ו ו י ל נ ע".

זיין מאַרטירער־טויט אין קאַמף פאַרן פּאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד אונטערן נאַצי־שטיוול איז געווען פאַר דער יידישער יוגנט אין געטאָ אַ רוף און אַ סימבאָל פון מוטיקן ווידערשטאַנד.

ב) ד"ר גרשון גרשוני.

עס האָט ניט געקאָנט אריבערטראָגן דאָס שפּלותדיקע לעבן אין געטאָ און די מענטשלעכע געפאַלנקייט — דער שטאָלצער ערן־פּאָרזיצער פון ווילנער יידישן דאָקטוירים־פאַריין, דר. גרשון גרשוני. ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין די ערשטע וואָכן פון געטאָ.

געבוירן אין יאָר 1860, אַ קרוב פון באַקאַנטן רעוואָלוציאָנער גרשוני, איינער פון די ערשטע חובבי־ציון אין ווילנע, אַן עניו און אַ מתמיד, אַן ערנסטער וויסנשאַפטסמאַן, ספּעציאַליסט פון דערמאַטאָלאָגיע, איינער פון די גרינדער פון דער מלאכה־געז. „הילף דורך אַרבעט", אַקטיווער טוער אין „אָזע־טאָז", — איז ער געווען זייער באַליבט און געאַכטעט ביי די יידישע דאָקטוירים און ביי אַלע געזעל־שאַפטלעכע יידישע קרייזן, און געווען דער נאָענטסטער פריינט פון דר. יעקב ווייגאָדסקי.

איין און אַכציק יאָר איז ער אַלט געווען ביים באַגיין זעלבסטמאָרד. ווען מען האָט זיך באַמיט צו קריגן פאַר די דאָקטוירים לעבנס־שיינען, האָט ער זיך אָ פּ ג ע ז אָ ג ט פון נעמען פאַר זיך אַ שיין. ער האָט געזאָגט: „זאָלן דאָס נעמען די יונגע, איך דאַרף שוין נישט".

זיין זעלבסטמאָרד האָט דער געטאָ אויפגענומען אַלס פּראָטעסט קעגן דער הערשאַפט פון בעסטיאַליטעט און פאַרשקלאַפונג מצד אַ מענטשן, וואָס האָט אויסגעלעבט אַ לאַנג לעבן אין יידישער און מענטשלעכער ווירדע. זיין אָרון האָט מען געטראָגן אויף די הענט. אַלע יידן האָבן אים באַגלייט ביזן געטאָ־טויער און אים באַוויינט אויף טרויער־פאַרזאַמלונגען.

ג) דעם זכרון פון ד"ר צמח שאַבאַד.

אויף פאַרזאַמלונגען אין געטאָ פלעגט אָפט דערמאָנט ווער־ן דער נאָמען

פון ד״ר צ מ ח ש א ב א ד, דעם יידישן פאָלקס־דאָקטאר און קינדער־פריינט, גרינדער פון אָ ז ע ־ ט אָ ז אין ווילנע און רעדאַקטאָר פון „פאָלקס־געזונט", געוועזענער פירער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, שול־טוער און מיטגרינדער פון „יי וו אָ". ער איז געווען אין געזעלשאַפטלעכער הינזיכט אַן אידעאַלער צוגאָב צו דר. וויגאָדסקין. ווען ווילנער יידנטום האָט געוויילט דר. וויגאָדסקין אין סיים, פלעגט ד״ר שאבאד געוויילט ווערן אין סענאַט. און הגם געשטאָרבן אין יאָר 1936, איז זיין זכרון געווען אַזוי לעבעדיק, אַז מען פלעגט אין געטאָ איינ־אָרדנען געדענק־אָוונטן צו זיין יאָרצייט.

ווי אַ ווילדע איראָניע איז פאַר אַלעמען געווען דער פאַקט וואָס דוקא אין דער "אָזע"־קינדער־קאָלאָניע אויפן נאָמען פון דר. שאבאד אין פּאָספּעשקי, האָבן די ס.ס.־לייט אויסגעקליבן צו אַראַנזשירן דעם טרויעריקן וויץ פון אַ פּאָר־טאָגיקן „פענסיאָן" מיט ספּעציעלער גוטער פאַרפלעגונג פאַר די זקנים פון געטאָ, וועלכע זיינען געלעגן אין די ווייס־פאַרבעטע קינדער־בעטלעך פון דער קאָלאָניע און וועלכע מען האָט, — נאָך אַ פאָטאָגראַפירן אין דער אָנוועזנהייט פון איינגעלאַדענע אויסלענדישע געסט, ביי אַ גוטער שטימונג — אַוועקגעפירט צום טויט . . .

ד) אין געזעלשאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט.

דער יידנראַט פון געטאָ איז געווען נאָמינירט פון דער דייטשער מאַכט. די פאַרשיידענע אונטערערדישע געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען און פּאַרטייען אין געטאָ האָבן, ווי שוין פריער דערמאָנט, לויט איינגענער איניציאַטיוו, געשאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין יידישן פּאַרלאַמענט אין געטאָ. דר. לייב פ אָ מ ע ר א נ ץ איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון געזעלשאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט.

אַרבעטנדיק אין געזעלשאַפטלעכן הילפס־קאָמיטעט אַלס גענעראַל־סעק־רעטאַר, געשיקט פון דער אונטערערדישער גרופּע, צו וועלכער איך האָב אָנגע־הערט, פלעג איך באַוואונדערן די מי־פולע, איבערגעגעבענע, פרייוויליקע אַרבעט פון ד״ר יצחק רוטשניק און ד״ר משה גירשאָוויטש, ביים צונויפזאַמלען די פאָנדן פאַרן קאָמיטעט.

ה) אין ליטעראַרישן און וויסנשאַפטלעכן געטאָ־לעבן.

דר. ע פ ש ט י י ן לאַזאַר האָט געשריבן אַ טאָג־בוך, געווידמעט אַלע לויפנדיקע דערשיינונגען און שנויים אין סאַניטאַרן מצב פון געטאָ און אין דעם באַקעמפן די קלעפּיקע קראַנקייטן. דאָס טאָג־בוך איז געווען רייך אין סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ לענגערע פּאָעמע וועגן לעבן אין ווילנער געטאָ און אין די אַרומיקע אַרבעטס־לאַגערן. טיילן פון דער פּאָעמע האָט ער מיר פאָרגעלייענט.

דר. ר ו ט ש נ י ק יצחק האָט געשריבן אַ גרעסער ווערק וועגן אויגן־קראַנקייטן ביי יידן.

ד"ר ג י ר ש אָ ו ו י ט ש משה האָט אָנגעשריבן אַ גרעסער ווערק וועגן דיעטע־פּראָבלעמען אין געטאָ.

ד"ר ז אַ ל ק י נ ד ס אָ ן י ו נ י אָ ר, וועלכער איז געווען אַן אויסערסט באַגאַבטער אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער, האָט אָנגעשריבן אַ גרעסער בוך וועגן מאַטעמאַטיק. ס'איז געלונגען דאָס בוך אַרויסצוטראָגן אויסער געטאָ, און די ווילנער פּראָפעסאָרן פון מאַטעמאַטיק האָבן זיך וועגן אים אָפּגערופן מיט באַגייסטערונג.

ד"ר לאזאר פ י נ ק ע ל ש ט יי ן האָט איבערגעזעצט אויף יידיש אַ גאַנצע ריי אָפּהאַנדלונגען פון פראַנצויזישע, דייטשע און רוסישע ווערק, בנוגע דער פראַגע פון „קינדער־סטרומא".

ד"ר וו אָ ל ק אָ ו ו י ס ק י לעאָן האָט אָנגעשריבן אויף פּויליש אַ ליד וועגן טויט־פעלד פּאָנאַר, אונטערן נאָמען: „טיכא, טיכא, סערצא פּלאַטשאָן" (שטילער, שטילער, הערצער וויינען), וואָס איז לכתחילה איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש דורכן דיכטער שמערל קאַטשערגינסקי און שפּעטער פּאָלקום פריי איבערגעדיכטעט געוואָרן אַלס וויגליד פון פּאָנאַר — „שטילער, שטילער". די מוזיק צום ליד האָט אָנגעשריבן ד"ר וואָלקאָוויסקיס זון, אַלעק וואָלקאָוויסקי. „שטילער, שטילער", אין די ווערטער פון ש. קאַטשערגינסקי און מוזיק פון אַלעק וואָלקאָוויסקי איז געוואָרן אַ ליד, וואָס קינד און קייט אין געטאָ האָבן עס געזונגען, ווי אויך אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

ז) אין דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג

עס איז געלונגען אַרויסצוגיין אין די וועלדער מיט די פּאַרטיזאַנען צווישן אַנדערע, די דאָקטוירים: פּייסאַכאָוויטש, קאַלמאַנאָוויטש, גאָרדאָן, גאָרפּינקעל. ווי מען האָט שפּעטער דערציילט, איז דר. קאַלמאַנאָוויטש אויסגעצייכנט געוואָרן פאַר זיין ענערגישער אַרבעט ביים אויפשטעלן אַ שפּיטאָל פאַר די פּאַרטיזאַנען.

XVIII.

יידישער דאָקטוירים־פֿאַריין אין געטאָ.

א) טעטיקייט.

אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָרן פּ אַ ר ! געטאָ, האָט אין ווילנע עקזיסטירט אַ יידישער דאָקטוירים־פֿאַריין, ווו עס פלעגן זיך צונויפקלייבן וועכנטלעך די יידישע דאָקטוירים, בכדי צו האַלטן יידישע פֿאָרט־אַגן און באַטראַכטן אינאיינעם די געמיינזאַמע פראַגן, וועלכע האָבן זיי געבונדן אַלס יידישע דאָקטוירים. אין געטאָ האָבן די יידישע דאָקטוירים געצויגן די אַלטע טראַדיציע און געגרינדעט אַ יידישן דאָקטוירים־פֿאַריין פון ווילנער געטאָ. דער עיקר פון זיין טעטיקייט זיינען געווען די „פֿרייטאָג־צונאַכטן", אויף וועלכע עס פלעגן פֿאָרקומען פֿאָרט־אַגן אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס, געוויינלעך געבונדן מיט מעדיצינישע פּראָבלעמען פון געטאָ־לעבן. די פֿאָרטראַגן פלעגן פֿאָרקומען דאָס רוב אין יידיש, צייטנווייז אין רוסיש און אין פּויליש (פון איינגעוואַנדערטע דאָקטוירים). נאָך די פֿאָרטראַגן פלעגן פֿאָרקומען דיסקוסיעס, וואָס אין זיי פלעגן די דאָקטוירים בייטראָגן זייערע באַמערקונגען, הסכמות אָדער ניט־צושטימונגען צו די טעזן פון רעפערענט ; עווענטועל צוגעבן נייע, דורך זיי באַאָבאַכטעטע פֿאַקטן.

פון די פֿאָרטראַגן דערמאָנט זיך מיר : דר. פינגערהוט, דר. סעדלים : „וועגן פֿאַרהיטן זיך פון דער שוואַנגערשאַפט ביי די געטאָ־באַדינגונגען" און „וועגן די סיבות פון אַמענאָרעאַ" (מאַנגל פון מענסטרואַציע) אין געטאָ."

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מאַסן־דערשיינונג אין געטאָ פון ג ע ש וו י לעכץ א ו י פ ן פּנים און פ י ס, זיינען פֿאָרגעקומען אַ גאַנצע ריי פֿאָרטראַגן וועגן די סיבות פון די געשווילעכצן אין געטאָ. רעפערענטן : דר. גירשאָוויטש, דר. בוראַק, דר. קאַפלאַן, דר. פּאָמעראַנץ און אַנדערע. ביידע פראַגעס האָבן אַרויסגערופן אַ זייער לעבעדיקן אינטערעס. אַ גרויסע, צייטנווייז ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע, וועלכע האָט פֿאַרנומען אַ גאַנצע ריי זיצונגען, איז געווען געווידמעט דער אויבנדערמאָנטער „קינדער־סטומא־עפּידעמיע אין געטאָ". מיט פֿליים האָט מען געזוכט די סיבות פון דער דאָזיקער עפּידעמיע און די מעטאָדן פון היילן און פֿאַרהיטן. אין דער לויף האָט שוין דעמאָלט געשמעקט מיט דער אָנקומענדיקער ליקווידאַציע פונעם געטאָ.

ווייטערע רעפעראַטן — „סאַניטאַר־עפּידעמיאָלאָגישע טעטיקייט אין געטאָ" (דר. לאַזאַר עפּשטיין), „קינדער אויפזיכט אין געטאָ" (דר. שאַבאַד־

גאָוורענסקא), „דער שול-מעדיצינישער צענטער און זיין טעטיקייט" (דר. דוואָ־זשעצקי), „נייע אויספאָרשונגען און אַנטדעקונגען וועגן וויטאַמינען" (מאַגיסטער סלוצקי), „וויטאַמינען-פּראָדוקציע און איר וויכטיקייט אין געטאָ" (ד"ר גירשאָוויטש), „וועגן האַרץ-קראַנקייטן" (ד"ר בוראַק) און א. וו. און ד. ג. אייניקע אָוונטן זיינען געווען געווידמעט דעם זכרון פון די פאַרשטאָרבענע ווילנער דאָקטוירים, ווי : דר. צמח שאַבאַד (יאָרצייט), דר. יעקב וויגאָדסקי, דר. גרשון גערשוני.

ב) מעדיצינישע ביכער.

פון מעדיצינישע ביכער איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן די ביבליאָטעק פון יידישן שפּיטאָל, אויך יעדער דאָקטאָר האָט, גייענדיק אין געטאָ, מיט זיך גענומען עפּעס אַ וויכטיק בוך פון זיין ספּעציאַליטעט. אַרבעטער פון „דייטשן סאַני־טעטס-פּאַרק" אָדער קריגס-לאַזאַרעטן, פלעגן אַמאָל גנבענען און ברענגען אַ מתּנה פאַר די דאָקטוירים אַ מעדיצינישן זשורנאַל פון מלחמה-צייט. אַ סאָוויעטישער דיקער בוך פון סאַניטאַרע פאַרשריפטן וועגן קאַמף קעגן עפּידעמישע קראַנקייטן, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1941, האָט קורסירט צווישן די דאָקטוירים אין געטאָ און האָט געדינט אַלס אַ פּוסק-אחרון אין אַ סך טאָג-טעגלעכע פראַגן פון דער סאַניטאַר-עפּידעמיאָלאָגישער אָפּטיילונג (מען האָט עס אָנגערופן : „דאָס רויטע בוך"). דר. רוטשניק האָט באַקומען — איך ווייס ניט, אויף וועלכן וועג — אַ מתּנה : אַ נומער פון אַמעריקאַנער „הרופא העברי", אַרויסגעגעבן אין קריגס־צייט, האָט דאָס קורסירט אין געטאָ ווי אַ גרוס פון יענער וועלט . . . דר. עמנואל עפּשטיין האָט איבערגעזעצט אויף יידיש פון יענעם „הרופא" — פאַר רוטשניקן — דעם קאַפּיטל וועגן אויגן-קראַנקייטן ביי יידן.

ג) קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער מעדיצינישער וועלט.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן אין אַ ריי פונקטן פון ווילנער פּראָווינץ די עפּידעמיע פון פלעק-טיפוס, האָבן די יידישע דאָקטוירים זיך געוואָנדן צו דער דייטשער מאַכט מיט דער אָפענער אַרויסצופאָרן אין די פונקטן צו באַקעמפן דעם פלעק-טיפוס ביי דער ניט-יידישער באַפעלקערונג.

עס זיינען געווען אייניקע פאַלן, ווען די פּוילישע פּראָפעסאָרן זיינען געקומען אין ווילנער געטאָ אויף קאָנסולטאַציעס און שווערע אָפּעראַציעס. איך דערמאָן זיך, אַז דער פּויליש-טשעכישער כירורג, פּראָפעסאָר מיכיידא האָט אָפּערירט אין געטאָ-שפּיטאָל אינזשענער ליליענהיים, פּאַציאַנט פעסטער, ד"ר עמנואל כאַלעם און אַנדערע. איך דערמאָן זיך, ווי דער לייטער פון אַנטי-ראַק-אינסטיטוט אין ווילנע, פּראָפעסאָר פעלטשאַר, איז געקומען אויף אַ קאָנסוליום בשעת דער קראַנקייט פון דער לערערין אסתר אַליצקי, פרוי פון משה אַליצקי (ערשטער גרינדער פון געטאָ-שול-וועזן). דער געוועזענער רעקטאָר פון ווילנער אוניווער־זיטעט, פּראָפעסאָר פון אינערלעכע קראַנקייטן, יאַנושקעוויטש, איז געקומען

אין געטאָ אויף איינִיקע קאָנסיליומס. ווען עס האָט אויסגעבראָכן די קינדער־סטרומא־עפּידעמיע, האָבן די יידישע דאָקטוירים פון געטאָ זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיטן באַקאַנטן פּראָפעסאָר פאַר קינדער־קראַנקייטן, בוּיאַק, און אים אָנגעפרעגט, צי עס עקזיסטירט אַזאַ ענלעכע קראַנקייט ביי די קריסטלעכע קינדער, — און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך דאָרט איז געווען אַ געוויסע ניט־נאָרמאַלע צאָל קינדער־סטרומאס. די פּראָפעסאָרן פלעגן, געוויינלעך, נעמען פאַר אַ קאָנסיליום טויזנט רובל (אַ מאָנאַט שכירות פון אַ געטאָ־אָנגעשטעלטן האָט דאַן אויסגעמאַכט דריי הונדערט ביז דריי הונדערט פופציק רובל !). עס זיינען געווען פאַלן, ווען די פּראָפעסאָרן האָבן געמאַכט הנחות אויף פינף הונדערט רובל, און אויך פאַלן, ווען זיי פלעגן ביי דער געלעגנהייט פון שוין זיין אין שפּיטאָל, אויך באַטראַכטן אומזיסט אַ חולה. אַן אָ ר גַ אַ נ י ז י ר ט ע הילף פון די פּוילישע און ליטווישע מעדיצינער פאַר די יידישע מעדיצינער אָדער קראַנקע אין געטאָ איז נ י ט געווען, פּונקט ווי עס איז, בדרך כלל ניט געווען, חוץ זעלטענע אויסנאַמען, קיין שום הילף פאַרן געטאָ־ווילנע מצד דער פּוילישער און ליטווישער באַפעלקערונג.

XIX.

פאָלקס־געזונט.

בכדי צו געבן דעם געטאָ־עולם די מעגלעכקייט צו האָבן מעדיצינישע פאָפולערע פאָרטראַגן אויף פראַגן פון היגיענע, ספּעציפישע געטאָ־קראַנקייטן, אין אַ לייכטער און ניט דערמידנדיקער פאָרם, איז אויפגעקומען דער געדאַנק אַרויסצוגעבן דעם "פ אָ ל ק ס ־ ג ע ז ו נ ט" (געוועזענער צענטראַל־אָרגאַן פון אָ ז ע אין פוילן), אין דער פאָרם פון אַ לעבעדיקער צייטונג.

יעדע צווייטע וואָך פלעגט פאָרקומען אין זאַל פון געטאָ־טעאַטער (געוועזענער קליינשטאָט־זאַל) דאָס עפנטלעכע לעבעדיקע „פאָלקס־געזונט", בשעת וועלכן די דאָקטוירים פלעגן פאָרלעזן פאַר דעם עולם אין אַ פאָפולערער פאָרם זייערע אַרטיקלען. די טעמאַטיק פון „פאָלקסגעזונט" איז געווען געווידמעט, דער עיקר, דעם קאַמף קעגן אינפעקציע קראַנקייטן ביי די ספּעציפישע געטאָ־באַדינגונגען. אַ גאַנצע ריי פראַגן פון ספּעציפיש־פּאַטאָלאָגישע געטאָ־דערשיינונגען, וואָס זיינען פריער דיסקוטירט געוואָרן אין דאָקטוירים־פאַריין, פלעגן דערנאָך געגעבן ווערן אין אַ פאָפולערער פאָרם אין „פאָלקסגעזונט". למשל, די פראַגן: וואָס זאָל מען טאָן צו די געשווילעכצן אין געטאָ? צו דעם מאַנגל פון מענסטרואַציע? צו פאַרהיטן זיך פון שוואַנגערשאַפט אין געטאָ? די פראַגע פון קינדער־סטרומאַ אין געטאָ, וכד. עס פלעגן אָפּגעגעבן ווערן באַריכטן פון דער טעטיקייט פון קינדער־אויפזיכט און שול־מעדיצינישן צענטער, פון דער גאַנצער געזונטהייטס־אָפּטיילונג (וועלכע איז געשטאַנען לכתחילה אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר שאַדאָווסקי, שפּעטער פון ד"ר בראָדסקי און — מצד דעם יידן־ראַט — פון דר. יורי מילקאַנאָוויצקי.)

דר. מילקאַנאָוויצקי איז געווען מיט מיר צוזאַמען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער דאַוטמערגען (דרום־דייטשלאַנד) און געשטאָרבן אין אַללאַך ביי דאַכאַו, צוויי טעג נאָך דער באַפרייאונג.

אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען איז געווען געווידמעט דער טעטיקייט פון די פאַרשטאָרבענע ווילנער יידישע פאָלקס־דאָקטוירים: דר. יעקב וויגאָדסקי, דר. גרשון גערשוני און דר. צמח שאַבאַד. אַ ריי אַרטיקלען איז געווען געווידמעט דער פראַגע, ווי זאָל מען אָפּהיטן דאָס געזונט ביי פאַרשיידענע מינים אַרבעטן, ווי, למשל, ביי האַקן ביימער וכד.

אַ סך ענערגיע האָבן געווידמעט דעם „פאָלקסגעזונט" די דאָקטוירים ק. שאַפּיראָ און אַנטאָקאָלעץ. דער לעצטער איז געווען טעטיק אַלס סעקרעטאַר פון

דער רעדאַקציע און פֿלעגט פֿאַרלעזן פֿעליעטאָנען „הומאָר וועגן דאָקטוירים“, „אבערגלויבן אין דער מעדיצין“ א. ד. ג. דר. שאַפּיראָ, וואָס איז געשטאַנען בראש פֿון אַמבולאַטאָריע האָט אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו ביים רעדאַגירן און אָרגאַניזירן דעם „פֿאָלקס־געזונט“.

מיט אַן אָריגינעלן און אינטערעסאַנטן סטיל און פֿאָרם פֿון די אַרטיקלען האָט זיך אויסגעצייכנט דער יונגער און זייער באַגאַבטער דר. עמנואל עפּשטיין (זון פֿון ד״ר שבתי עפּשטיין), געשטאָרבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קורעמע (עסטלאַנד). פֿון אַנדערע שטענדיקע אָנטיילנעמער דערמאָן איך זיך דר. סעדליס, דר. פֿייגענבערג, דר. געלמאַן, דר. לאַזאַר עפּשטיין, דר. לידסקא, דר. לאַזאַר פֿינקעלשטיין, דר. שאַבאַד־גאַווראָנסקא, מאַריאַ שאַפּיראָ, דר. בוראַק, דר. קאָלאָדנער, דר. פֿייגוס, דר. מאַרק ברייטבאַרט, דר. פּייסאַכאָוויטש און אַנדערע.

צום סוף פֿון יעדן נומער פֿלעגט גיין „מעדיצינישע כראָניק“, דאָן — אַן איבערזיכט איבער פֿאַרשיידענע נייעסן (אין שפּיטאָל „גיכע הילף“, אַמבולאַטאָריע, „קינדער־אויפֿזיכט“, שול־מעדיצינישער צענטער), ווי אויך דער טראַדיציאָנעלער “פֿראַגן־קעסטל“; וווּ די רעדאַקציע פֿלעגט געבן אַ תשובה אויף פֿאַרשיידענע פֿראַגן פֿון די צוהערער.

אין די לעצטע נומערן זיינען אַ גאַנצע ריי פּאָרטראַגן אילוסטרירט געווען מיט ליכט בילדער פֿון אַ ליכט־אַפּאַראַט, וואָס איז קאָנסטרואירט געוואָרן אין געטאָ.

דער לעצטער נומער „פֿאָלקסגעזונט“ (נומער 18), וואָס אין אים האָב איך אָנטייל גענומען מיט אַן אַרטיקל „מעדיצין און מעדיצינער ביי יידן אין דער תקופה פֿון די מיטלאַלטערלעכע געטאָס“, איז פֿאָרגעקומען אַ פּאָר טעג פֿאַר מיין דעפּאָרטאַציע קיין עסטלאַנד . . . עס איז שוין דעמאָלט געווען קלאָר, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט דער געטאָ ליקווידירט ווערן. דאָך האָט מען באַשלאָסן צו פֿירן די אַרבעט ווי געווען, ווי עס וואָלט גאָרניט פֿאָרגעשטאַנען . . . — אויף דעם דאָזיקן לעצטן „פֿאָלקסגעזונט“ האָט דער דר. עמנואל עפּשטיין געליינט אַן אָפּטימיסטיש, מעדיצינישן פֿעליעטאָן, אונטערן נאָמען „שטראַלן פֿון האָפֿנונג“.

אַ פּעריאָדישן ביולעטין מיט סטאַטיסטישע ציפֿערן וועגן די קראַנקייטן אין געטאָ פֿלעגט אַרויסגעבן, אויפֿן סמך פֿון די חודשלעכע באַריכטן פֿון די באַזונדערע מעדיצינישע אַנשטאַלטן, דאָס סטאַטיסטישע ביוראָ ביי דער יידישער געטאָ־פֿאַרוואַלטונג.

XX.

ליקווידאציע פון ווילנער געטא.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרויספירונגען פון ווילנער יידן קיין עסטלאַנד און גלייכצייטיק אַ שטאַרקע פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג, וואָס אין איר האָט צווישן אַנדערע אָנטיילגענומען אויך אַ גרויסע צאָל פון דער שול־יוגנט.

דעם 27־טן סעפּטעמבער 1943 איז דער ווילנער געטאָ ליקווידירט געוואָרן (אויסערן בלאָק קיילים). די יידן זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין עסטלאַנד, לעטלאַנד, אוישוויץ. אַ טייל איז געלונגען אַוועקצוגיין אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנען.

אומבאַקאַנט איז מיר דער גורל (נאָר עס איז זיך ניט שווער פאַרצושטעלן) פון די קליינע קינדער פון שפּיטאָל און געטאָ־אינטערנאַטן, וועלכע זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַלטע, אין טאָג פון דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ.

אַ גרויסן טייל פון דער שול־יוגנט האָב איך געטראָפן אין די לאַגערן פון עסטלאַנד (וואַיוואַראַ, קורעמע, גאָלדפילץ, וויוויקאָני, לאַגעדין). זיי האָבן אָפט געאַרבעט אין באַזונדערע קינדער־בריגאַדעס אין די וועלדער ביי די לאַגערן, און אָפט, צוזאַמען מיט די „גרויסע" — ביים גראָבן גריבער, טריקענען זומפּן און שלעפּן משאות.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ביי די טראַגישסטע לאַגער־באַדינגונגען פלעגן די קינדער ניט פאַלן אין מוט, גיין און צוריקקומען פון דער אַרבעט מיט קינדער־לידער און געזאַנגען. . .

אַ גרויסע גרופּע ווילנער קינדער איז פון לאַגער שטוטהאָף (ביי דאַנציג) אַרויסגעפירט געוואָרן אין אָקטאָבער 1944 אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג . . . די איבעריקע האָבן ווייטער מיטגעמאַכט דעם גורל פון אַלע אַנדערע יידן אין די לאַגערן : אַרבעט, הונגער, קעלט, שמוץ, לייז, קלעפּ, דיזענטעריע, פלעק־טיפוס און אַלגעמיינע קערפּער־שוואַכקייט. . .

פון די איבער הונדערט און דרייסיק דאָקטוירים פון ווילנער געטאָ זיינען געבליבן ביים לעבן נאָר יחידים.

די געטאָ־באַפעלקערונג בכלל איז אומגעקומען פון הונגער, קראַנקייטן און נאַצישן מאָרד אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פאַרניכטונגס־פעלדער פון

עסטלאַנד און דייטשלאַנד. גרויסע טיילן פון דער פּאַרטיזאַנישער יוגנט איז אומגעקומען אין די וועלדער אינעם קאַמף מיטן שונא.

פון די זיבעציק טויזנט יידן פון ווילנער קהלה איז געבליבן אַ קליינע שארית פון געציילטע הונדערטער שרידים.

דער סאַניטאַרער ווידערשטאַנד. אַ קליין רינגל אין איבערמענטשלעכן גע־ראַנגל פונעם געטאָ פאַר זיין לעבן און כבוד, האָט געהאָלפן דורכצולעבן אין ריינקייט די טעג פון געטאָ און אויסצומיידן טויט פון עפּידעמיעס ; דער ווידערשטאַנד אָבער פון געטאָ האָט אים ניט געקאָנט פאַרהיטן פון אומקום דורך דער נאַצישער פאַרניכטונג.

די גוואַלטיקע איבערמאַכט פון נאַצישן טעראָר און מאָרד ביי דער מיטהילף פון געוויסע עלעמענטן פון די שכנים און ביי דער גלייכגילטיקייט און שטיל־שווייגן פון גרויסע טיילן פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ד. ה. : די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון אונזער לעצטער תקופה, האָבן באַזיגט דעם סוביעקטיוון, אַזוי העראָאישן קאַמף און ווידערשטאַנד פונעם יידנטום אין די געטאָס.

אַזוי איז אומגעקומען געטאָ־ווילנע.

אַזוי איז געווען אין אַלע קהלות ישראל פון פוילן און ליטע.

נאָכוואָרט

אין מיין באַריכט האָב איך זיך באַמיט איבערצוגעבן אַ בילד פון יידישן געזונטהייטס־וועזן אין ווילנער געטאָ, איינעם פון די ליכטיקע קאַפּיטלען אין טראַגישן בוך — „ג ע ט אָ ־ ו ו י ל נ ע". — ווי אַזוי די ווילנער יידישע דאָקטוירים האָבן אָרגאַניזירט מעדיציניש־סאַניטאַרע הילף, געקעמפט קעגן אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן, געפירט וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, ביי די טרויעריקסטע באַדינגונגען, ווי אַזוי מען האָט געזאָרגט פאַר קראַנקע, קינדער און יוגנט, דערוואַרטנדיק יעדן טאָג דעם טויט, הן פאַר זיך והן פאַר זיי . . .

איך שרייב אָט די שורות אין פּאַריז, נאָך מיין באַפרייט ווערן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. איך באַזיץ ניט אונטער דער האַנט, צום מאָמענט, קיין שום סטאַטיסטישע מאַטעריאַלן אָדער וועלכע ניט איז שריפטלעכע דאָקומענטן. עס איז זייער מעגלעך, אַז אַ גאַנצע ריי פאַקטן, וויכטיקע פּרטים און נעמען דערמאָן איך זיך ניט אין געגעבענעם מאָמענט. די, לײדער, וועניק איבערגעבליבענע ביים לעבן יידישע דאָקטוירים און געזונטהייטס־טוער פון ווילנער געטאָ וועלן זיכער נאָך קאָנען צוגעבן אַ גאַנצע ריי מאַטעריאַלן צו דעם קאַפּיטל „געזונטהייטס־וועזן אין געטאָ־ווילנע".

פּ אַ ר י ז, אָקטאָבער 1945 — יאַנואַר 1946.

רשימה

פון ווילנער דאָקטוירים אין געטאָ-פעריאָד.

ביזן געטאָ זיינען אין ווילנע געווען טעטיק איבער 130 יידישע דאָקטוירים.

די פאָרליגנדיקע רשימה שטעל איך צונויף בלויז לויטן זכרון. צו די נעמען, וואָס וועגן זיי האָב איך נישט קיין גענויע ידיעות, שטעל איך צו די באַמערקונג „אומבאַקאַנט“.

פאַר קרובים און פריינט, וואָס זוכן זייערע שפורן, וועט אפשר די רשימה אפשר ברענגען דעם לעצטן גרוס פון די אומגעקומענע.

אַבראַמאָוויטש אַלעקסאַנדער, גינעקאָלאָג, — אומגעקומען עסטלאַנד 1944
אַבראַמאָוויטש אברהם, גינעקאָלאָג — אומבאַקאַנט זינט 1944
איוואַנטער סעניאָר, רענטגענאָלאָג, — אומגעקומען עסטלאַנד 1943, לאַגער קורעמע
איוואַנטער יוניאָר, רענטגענאָלאָג, — קלאַנגען, אַז ער לעבט
אַנטאָקאָליעץ יצחק, אַלגעמיינע, — פאַרשוואונדן אין עסטלאַנד 1944
אימעניטאָווא, אַלגעמיינע, — אַרויסגעפירט פון ווילנע סעפּטעמבער 1943
בוזשאַנסקי לאַזאַר, אינערלעכע, — לעבט
בוך רפאל, גינעקאָלאָג, — אומגעקומען עסטלאַנד 1944
בערלין האַררי, סטאָמאַטאָלאָג, — לעבט
ברייטבאַרד מאַרק, קינדער, — אומגעקומען דאַאוטמערגען 1945
ברייטבאַרד שמחה, סטאָמאַטאָלאָג, — אומגעקומען דאַאוטמערגען 1945
באַראַנאָווסקאַ קאַטיאַ, אַלגעמיינע, — אומגעקומען ווילנע 1941
באַראַנאָווסקי קאַזימיערז, אַלגעמיינע, — אומבאַקאַנט זינט 1941
בלומאָוויטש אַדאָלף, דערמאַטאָלאָג,— אומבאַקאַנט זינט 1941
בוראַק מאַקס, אינערלעכע, — אומגעקומען ווילנע 1944
בוראַק לעאָ, אינערלעכע, — לעבט
בראָדסקי, אינערלעכע, — אַרויסגעפירט פון ווילנע סעפּטעמבער 1943
בראַנט, אינערלעכע, — אומגעקומען ווילנע 1941
בערגער רימיזי, קינדער, — אומגעקומען ביאַליסטאָק, 1944
בלאָך, גינעקאָלאָג, — אַוועק פון ווילנער געטאָ
בערנשטיין, אַלגעמיינע, — אומבאַקאַנט זינט 1943
גאָלדע, קינדער, לעבט
גרשוני גרשון, דערמאַטאָלאָגיע, — באַגאַנגען זעלבסטמאָרד ווילנע, 1941
גילעלס ווערא, כירורג, — אַוועק פון ווילנער געטאָ 1942
גאָרדאָן משה, אינערלעכע, — אומבאַקאַנט זינט 1943
גאָרדאָן נעמי, אָקוליסט, — אומבאַקאַנט זינט 1943
גירשאָוויטש משה, אינערלעכע, — געשטאָרבן אין קאָנצענטראַציע לאַגער קלאָאָגע, 1944
געלמאַן גדליה, אַנאַליזן, — אומגעקומען דאַאוטמערגען 1944
גיטעלזאָן שמעון, אַלגעמיינע, — לעבט

גיטעל שלמה, אַלגעמיינע, — אומגעקומען דאַוטמערגען 1944
גראָדזענסקי דוד, אטאלארינגאָלאָג, — אומגעקומען דאַוטמערגען 1944
גענזעל יוליוס, נערוון, — לעבט
גאָלדבורט, קינדער, — אַוועק אין ביאַליסטאָקער געטאָ 1941, גורל אומבאַקאַנט
גאָלדמאַן, אינערלעכע, — לעבט
גליקסבערג, אינערלעכע, — לעבט
גערשקאָרן, קינדער, — אומבאַקאַנט זייט 1943
גערשאָנאָוויטש, אַלגעמיינע, — אומבאַקאַנט זייט 1944
גודזעניאַצקי, אלגעמיינע, — לעבט
גאָרדאָנאָוויטש, אַלגעמיינע, — לעבט
גאָרפינקעל, אַלגעמיינע, — לעבט
דלוגי הירש, גינעקאָלאָג, — לעבט
הויזמאַן, קינדער, — אומבאַקאַנט זייט 1943
וויגאָדסקי יעקב, גינעקאָלאָג, — אומגעקומען ווילנע 1941
וואָלפזאָן סעניאָר, דערמאטאָלאָג, — אומגעקומען עסטלאַנד 1944
וואָלפזאָן יוניאָר, דערמאטאָלאָג, — אומבאַקאַנט זייט 1943
וואָלקאָוויסקי לעאָ, אטאלארינגאָלאָג, — אומגעקומען עסטלאַנד 1944
ווירשובסקי אברהם, פסיכיאַטאָר, — אומגעקומען ווילנע 1943
וויינריב אברהם, אינערלעכע, — לעבט
וויינשטיין וועלוול, אינערלעכע, — לעבט
וואפזער, אינערלעכע, — אומגעקומען ווילנע 1941
זאַלקינדזאָן אוסיי, כירורג, — אומגעקומען עסטלאַנד 1944
זאַלקינדזאָן (פרוי), אַקולּיסטיק, — אומגעקומען קלאאגא 1944
זאַלקינדזאָן באַבאַ, אַלגעמיינע, — אומגעקומען קלאאגא 1944
זעלדאָוויטש זאָפיא, דערמאטאָלאָג, — אומגעקומען עסטלאַנד 1944 לאַגער קלאאגא
זיידלער, אַלגעמיינע, — אומבאַקאַנט זייט 1943
חאַלעם עמנואל, אוראָלאָג, — אומגעקומען עסטלאַנד, 1944 לאַגער קלאאגא
חאַלעם (פרוי) דערמאטאָלאָג, — אומבאַקאַנט זייט 1943
טאַראַסייסקי, אַלגעמיינע, לעבט
טראַצקי פאַלק, כירורג, — אומגעקומען עסטלאַנד 1944
טראַצקי, אַלגעמיינע, — אומבאַקאַנט זייט 1943
טויבענהויז, גינעקאָלאָג, — אומבאקאַנט זייט 1943
טויבענהויז (פרוי), פעדיאַטריע, — אומבאַקאַנט זייט 1943
יאשפאַן, אינערלעכע, — אומבאַקאַנט זייט 1944
יאבּהאוו פעדיאַטריע, — געשטאָרבן 1945
יוסטמאַן, אינערלעכע, — פאַרשוואונדן פון ווילנער געטאָ 1941
כּאַרמאַק מיכל, אינערלעכע, — אומבאַקאַנט זייט 1941
כאנאָוויטש שמעון, אינערלעכע, — אומגעקומען עסטלאַנד 1944
כין אליהו, אַלגעמיינע, — קלאַנגען אומגעקומען עסטלאַנד 1944
כין זכריהו, פעדאַטריע, — קלאַנגען אומגעקומען עסטלאַנד 1944
כורג, אינערלעכע, — קלאַנגען אַרויסגעפירט מיט קראַנקע פון עסטלאַנד 1944
לערמאַן אפרים, כירורג, — אומגעקומען לאַגער גאָלדפילין, עסטלאַנד, 1944.
לידסקא פעסיא, פעדיאַטריע, — לעבט
לידסקי אברהם, כירורג, — אומבאַקאַנט זייט 1944
לעווין רפאל, אוראָלאָג, — אומגעקומען עסטלאַנד, 1944 לאַגער קלאאגא
לעוואנדאַ, אטאלאַרינגאָלאָג, — אומגעקומען ווילנע 1941
ליבא, אטאלארינגאָלאָג, — לעבט

מאַרגאַלים, רענטגענאָלאָג, — אומגעקומען זייט 1943
מלמד, פעדיאַטריע, — אַוועק אין ביאַליסטאָקער געטאָ
נאמיאט ליפּע, אַלגעמיינע, — אומגעקומען זייט 1941
ספּאַקאינע קלמן, אינערלעכע, — אומגעקומען 1941 אין פּאָנאַר
סלוצקא גינא, אינערלעכע, — אומגעקומען זייט 1941
סעדליק, גינעקאָלאָג, — לעבט
סלאָבאָדסקי, אָקוליסט, — אומגעקומען זייט 1942
סוראַוויטש, אינערלעכע, — אומגעקומען
עפּשטיין לאַזאַר, אינערלעכע, — אומגעקומען זייט 1943
עפּשטיין עמנואל, אינערלעכע, — אומגעקומען קאָנצענטראַציע לאַגער קורעמע, 1943
עלטערמאַן, אינערלעכע, — אומגעקומען עסטלאַנד 1944
פינקעלשטיין לאַזאַר, פּעדיאַטריע, — אומגעקומען זייט 1944
פאַטשטער וולאַדימיר, אינערלעכע, — אומגעקומען קלאָגאַ, 1944 עסטלאַנד
פייגענבערג משה, אוראָלאָג, — לעבט
פינגערהוט לעאָן, גינעקאָלאָג, — באַגאַנגען זעלבסטמאָרד 1944 קאָנצ. לאַגער ערעזא
פּערעוואָזקי אַלעקסיי, אינערלעכע, — אומגעקומען קאָנצ. לאַגער, דאַאוטמערגען, 1945
פּערעוואָזקי ראובן, אינערלעכע, — אומגעקומען זייט 1941
פייגוס הלל, אינערלעכע, — אומגעקומען ווילנע 1944
פּערגאַמענט-אלק ראַניא, פּעדיאַטריע, — אומגעקומען זייט 1943
פּערגאַמענט, אינערלעכע, — געשטאָרבן, געטאָ ווילנע 1941
פּיוסאַקאָוויטש, כירורג, — לעבט
פייגעלסאָן פּעסיע, פּעדיאַטריע, — אומגעקומען זייט 1943
פּערעוואָזקא, פּעדיאַטריע, — אומגעקומען זייט 1943
פריד חיים הלל, אַלגעמיינע, לעבט
צוקערמאַן משה, אינערלעכע, — אומגעקומען עסטלאַנד. 1944
קאַפּלאַן אַלעקסאַנדער, אינערלעכע, — אַרויסגעפירט מיט אַ טראַנספּאָרט קראַנקע פון עסטלאַנד, 1943
קאַלאַדנער בער, אינערלעכע, — לעבט
קושעלעוויטש יודל, אינערלעכע, — אומגעקומען ווילנע 1941
קאַניובסקי אליהו, כירורג, — לעבט
קאַצענעלענבאָגען סאָניא, אינערלעכע, — אומגעקומען ווילנע 1941
קשעמיאַנסקיע אַבעל, אינערלעכע, — אומגעקומען לאַגער דאַאוטמערגען 1945
קאָנטאָראָוויטש, אינערלעכע, — אומגעקומען זייט 1943
קאַשטשענעווסקי, אינערלעכע, — אומגעקומען זייט 1943
קאַלמאַנאָוויטש, אינערלעכע, — לעבט
קאַפּעלאָוויטש, אינערלעכע, — אומגעקומען זייט 1943
קאַבאַטשניק, אָטאָלאַרינגאָלאָג, — אומגעקומען 1942 ווילנע
קאַרנאָווסקי, פּעדיאַטריע, — אומגעקומען זייט 1943
רעזניק נפתלי, פּעדיאַטריע, — לעבט
רעזניק-לעווינסאָן נאַדיע, אַלגעמיינע, — לעבט
ראַשקעס לעאָ, אָטאָלאַרינגאָלאָג, — אומגעקומען 1944
רעבעס, אָקוליסטיק, — אומגעקומען
רעשאַנסקי, אַלגעמיינע, — אומגעקומען זייט 1941
ריווקינד לעאָן, אָטאָלאַרינגאָלאָג, — אומגעקומען עסטלאַנד 1943
ראָן גריגאָרי, אינערלעכע, — אומגעקומען עסטלאַנד 1943
דעמיגאַלסקי, אינערלעכע, — אומגעקומען
ראַפּאָלט העניק, אינערלעכע, — אומגעקומען ווילנע 1941

ראָזענבליט אַלפרעד, אינערלעכע, — אומבאַקאַנט ווינט 1943
ראם סעניאָר, אַנאַליזן, — אומבאַקאַנט ווינט 1943
ראם מישע, אַנאַליזן — אומבאַקאַנט ווינט 1943
שאַבאַד גאַווראָנסקא, פעדיאַטריע — אומגעקומען ווילנע 1943
שאַדאָווסקי רפאל, אינערלעכע, — לעבט
שאַדאָווסקא, פעדיאַטריע, — אומבאַקאַנט ווינט 1943
שטיינמאַן אברהם, אינערלעכע, — אומבאַקאַנט ווינט 1943
שאַליט עמיליא, אינערלעכע — לעבט
שאַפּירא קלמן, אינערלעכע — אומגעקומען עסטלאַנד 1944 לאַגער קלאָאַגאַ
שיינקער, אָקוליסטיק — אומבאַקאַנט ווינט 1943
שימעלישקי, אינערלעכע, — אומבאַקאַנט ווינט 1943
שמושקאָוויטש, אינערלעכע, — אומבאַקאַנט
שטיינדויער, דערמאַטאָלאָגיע, — לעבט
שערמאַן, אינערלעכע, — לעבט